Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 10 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 144 | Łódź, Wtorek, 21 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאָדז, דינסטאָג, י״ז סיון תרצ״ב | № 144

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

לאזאנער קאנפערענץ
האלט ביים איבערגעריסען ווערען
נישט געקומען צו קיין הסכם צווישען הערי‏א און מאקדאנאלד׳ן

לאָזאַן, 20. (ספּ. טעל.)

אונטערוואַ״טעט האָט זיך דאָ היינט פערשפּרייט די ידיעה, אַז די לאָזאַנער קאָנפערענץ ווערט איבערגעריסען.

נאָך אַ געשפּרעך צווישען הערי‏אָ און מאַקדאָנאַלד׳ן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צווישען ביידען איז נישט פערהאַן קיין הסכם, וועגען טאָג־אָרדנונג פון די ווייטער־דיגע זיצונגען אַזוי אַז עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז עס איז נישט פערהאַן וועגען וואָס מ׳זאָל זיך ווייטער בעראַטען.

די זיצונג וואָס איז שוין געווען בעשטימט אויף היינט דינסטאָג איז אָפּגערופען געוואָרען.

מען זעהט דעריבער, אַז די קאָנפערענץ ווערט איבערגעריסען.

אין די פּאָליטישע קרייזען האָט דער דאָזיגער פאַקט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער לאָזאַ־נער קאָנפערענץ סער הענקעי.

פערקלענערן די אויסגאבן אויף מיליטער

גענף, 20. (ספּ. טעל.)

צווישען די דעלעגאַציעס פון אַמעריקע, פראַנקרייך און ענגלאַנד איז געקומען פאָרגעקומען אַן ערנ־סטע בעראַטונג.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ענטוואָפנונג.

מצד ענגלאַנד איז געווען פערטרעטען מאַקדאָנאַלד, פראַנקרייך — פּאָל באָנקור, אַמעריקע — גיבסאָן.

היינט האָט מען דער פרעסע קאָמוניקירט אַז די בעראַטונג האָט זיך פערנומען: 1) מיט דער ענט וואָפנונגס־פראַגע; 2) פערקלענערן די מיליטערישע בודזשעטען, און 3) בעגרעניצען די צאָהל מיליטער. לויט אַ האַלב־אָפיציעלען קאָמוניקאַט איז גע קומען צו אַ פערשטענדיגונג וועגען די צוויי ערשטע פונקטען.

פראַנקרייך האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען בעגרעניצען די צאָהל מיליטער.

אטענטאט אויף פאל באנקור?

פּאַריז, 20. (ספּ. טעל.) אויף דער ליניע, אויף וועלכער עס האָט געזאָלט אָפּפאָהרען דער עקספּרעס קיין גענף מיט׳ן מיניסטער פּאָל באָנקור, האָט זיך איבערגעקעהרט א משא־צוג און די שינעס זענען געווען פונאַנדערגעשרויפט.

„זשורנאַל" ווייזט אָן, אז די באַהן־קאַטאַסטראָפע איז געווען א סאַבאָטאַזש־אַקט און האָט געהאַט דעם ציל אויסצופיהרען אַן׳אַטענטאַט אויפ׳ן צוג, אויף וועלכען עס האָט געזאָלט פאָהרען פּאָל באָנקור.

אנפאל אויף א שווייצארישען מיניסטער

בערן, 20. (ספּ. טעל.)

אויפ׳ן שווייצאַרישען פינאַנץ־מיניסטער מוסי האָט מען אין גאַס געשאָסען, צום גליק נישט גע־טראָפען.

אכטונג, טוריסטען! נור נאך 8 טעג!
עקסקורסיע קיין ארץ־ישראל
אונטער דער לייטונג פון אינזש. י. זילינסקי.
אינפאָרמאַציעס ווערען ערטיילט טעגליך פון 11—1 און פון 4—7 אָווענד אין
„תוצרת ארץ־ישראל", שרודמיעסקא 1.
די רייזע קומט פאר אין חודש יולי. — די צאָהל פון די עקסקורסאַנטען איז בעגרעניצט. — דעם זומער פערברענגט מען די אורלויבען און די אָפּרוה־צייט אין ארץ־ישראל.
3831

קאמוניקאט
צו אלע דאמען־מאנאזין־שניידער־מייסטער אין לאדז.
צוליב דעם, וואָס די פירמע פלום א. קירשטיין אין לאָדז, וועלענדיג אראָפרייסען אונזערע בעלי־מלאכות פון מושווה־געוואָרענעם פרייז פאר ארבייט, לאָזענדיג אַזוי ארום הונגערן אונזערע מיטגלידער, און ווען אונזערע פאָרשטעהער האָבען זיך וועגען דעם ענין געוואָנדען, זענען זיי אויף א שענדליכען אופן בעליידיגט געוואָרען. איז בעשלאָסען געוואָרען אָפּצושטע־לען די ארבייט אין דער פירמע, דערביי פאָדערן מיר אויף אלע דאַמען־מאַגאַזין־שניידער־מייסטער נישט צו בעווייזען זיך אין דעם געשעפט וועגען ארבייט, ביז דער ענין וועט נישט ערלעדיגט ווערען.
די פערוואלטונג פון פראפ. מאגאזין־שניידער־מייסטער־פעראיין אין לאדז, פּאָמאָרסקא 53.

אכטונג, בעקער־מייסטער אין לאדז!
היינט, דינסטאג, ד. 21 יוני ד. י. פינקטליך 7 א זייגער אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל פּילסודסקיעגאָ־נאָס 57
אַן׳אויסערגעוועהנליכע
דרינגענדע פערזאמלונג
פון אלע מיטגלידער פון בעקער־צעך.
צוליב דער וויכטיגקייט פון טאָג־אָרדנונג ווערען אלע מיטגלידער געבע־טען, ווייל עס ליגט אין אייער אייגענעם אינטערעס, פּינקטליך צו קומען.
די פערוואלטונג פון בעקער־צעך
פּילסודסקיעגאָ (ווסכאָדניאַ) 57.
3860

ווארנונג!
אזוי ווי דער לאָקאטאָר ה׳ שמחה וויינ־בערג, וואָס וואוינט ביי אונז אין הויז (11. ליס־טאָפּאַד 43) 4 צימער און קוך מיט בעקוועהמליכ־קייטען און איז שולדיג פאַר 3 קוואַרטאַלען מיט קאָסטען 1100 זל., דעריבער וואָרנען מיר איהם, אז אויב ער וועט די סומע נישט בעצאָהלען ביז׳ן 30־טען יוני, וועלען מיר געצוואונגען זיין אויסצו־פיהרען די עקסמיסיע און איינצוקאַסירען די פולע סומע געלד.
מיט אכטונג
דער הויז־פערוואלטער
פון הויז 11. ליסטאָפּאַד 43
(קאָנסטאַנטינער)
3863

Dr. Rabinowicz
ZIELONA 3
POWRÓCIŁ.

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראָנט, 2־טער שטאָק
פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאָדערנסטע דאַמען־שטאָפען אויף פּאַלטנס און קאָסטיומען
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאָר
אין פראנט, II שטאק

מזל טוב
פעסא לאה קינעק — מרדכי ליכטענשטיין
לאָדז — חתונה געהאַט — מילאַנאָ
מילאַנאָ (איטאַליען), יוני 1932

צו דער חתונה פון אונזער ליבע טאָכטער, שוועסטער און שוועגערין
פרל׳ פעסא לאה קינעק
מיט ה׳ מרדכי ליכטענשטיין
וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאָג, דעם 19־טען יוני אין מילאַנאָ
ווינשען מיר אַ האַרציגען מזל טוב. זאָל זייער לעבענס־וועג זיין פערזייט מיט ערפאָלגרייכעס גליק.
עלטערן משה קינעק און פרוי
חיים דאבזשינסקי און פרוי
רייזל דאבזשינסקא און פאמיליע
פייגא־מינדעל קינעק און פאמיליע
משה און שרה גרינקרויט
מרים דאבזשינסקא און פאמיליע
באלטשא דאבזשינסקא
מיכל קינעק און פרוי
ברוך־שלום און ירחמיאל קינעק

די ניי־ערעפענטע
פערפומעריע
BUCHWAJC i ROTENBERG
11 ליסטאפאד 13 (קאָנסטאַנטינער)
בעזיצט אויף לאַגער א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע
קאסמעטיק
צו צוגענגליכע פרייזען. רעיעלע בעהאנדלונג!

אכטונג, לעהרערינס!
ס׳ווערען געזוכט קוואַליפיצירטע
לעהרערינס
און אויך א לייטערין פאר א „האַנדעלס־ און ווירטשאַפטס־שול". רעליגיעז־געשטימטע האָבען פאָרצוג. אָפערטען אין אדמ. פאר „האַנדעלס־שול".

פאר גאלד, ביזשוטעריע און לאמבארד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פרייזן
איזידאר פיאלקא
פּיעטריקאָווער 7. 6029

הערריא און גראנדי

פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען אפריקאנער קאלאניעס

בערלין, 20. (ספ. טעל.)

„12־אוהר־בלאט" איז מודיע פון לאזאן, אז אין די שווייצארישע פאליטישע קרייזען קורסירען קלאנגען אז אויף דער איצטיגער רעפאראציע־קאנפערענץ וועט קומען צו א סענסאציאנעלע ווענדונג אין די פראנצויזיש־איטאליענישע בעציהונגען.

עס האנדעלט זיך וועגען די אפריקאנישע קאלאניעס.

איטאליען פערלאנגט קאלאניעס, כדי צו בעזעצען דארט דעם איבערפלוס פון איהרע איינוואוינער, עקספלאאטירען די רויסטאפען און אויסנוצען די קאלאניעס אלס שטיץ־פונקט פאר איהר פלאט.

„ציריכער צייטונג" רעכענט, אז עס איז פערהאן א יסוד צו רעכענען, אז צווישען פראנקרייך און איטאליען ווערען געפיהרט ערנסטע אונטערהאנדלונגען.

איטאליען פיהלט זיך בע'עוול'הט פון דער נאך־מלחמה'דיגער פערטיילונג פון די אפריקאנישע קאלאניעס צווישען פראנקרייך און ענגלאנד. דאס האט אנגעשטרענגט די בעציהונגען צווישען איטאליען און פראנקרייך. איצט זעהט אויס, איז דער ענין אוועק אויף א נייעם וועג. די לעצטע רעדע פון איטאליענישען אויסערן־מיניסטער גראנדי אין סענאט איז געוועזען א פארשפיל. גראנדי האט געזאגט אז דאס נאכקומען איטאליענס קאלאניאלע פרעטענזיעס איז ענג פערבונדען מיט די פראבלעמען צו פערשטארקען דעם שלום אין אייראפא. איטאליענס פאסטולאטען מוזען פעראייניגט ווערען צו די פראבלעמען פון אינטערנאציאנאלען אויפבוי.

וויכטיגער פון גראנדיס רעדע זענען נאך די אונטערהאנדלונגען וואס ווערען געפיהרט אונטער די קוליסען פון דער לאזאנער קאנפערענץ צווישען גראנדי און הערריא.

לויט לעצטע ידיעות איז הערריא געגאנגען אויף ערנסטע הנחות אויפ'ן טעריטאריאלען געביט.

אפגעשטעלט די אימיגראציע קיין אורוגוואי

די דירעקציע פון „הּיאס"־עמיגדירעקט אין פאריז גיט איבער פאלגענדעס וועגען די נייע אימיגראציע־שוועריגקייטען קיין אורוגוואי.

„דאס אריינפאהרען אין אורוגוואי איז פערבאטען פאר אלע אויסלענדער, וועלכע קומען מיט דער צווייטער צו דריטער קלאס, מיט'ן צוועק צו בעזעצען זיך אין לאנד.

פון נייעם געזעץ איז נישט קלאהר ווי אזוי עס וועט רעגולירט ווערען די פראגע פון אריינלאזען אין לאנד פרויען און קינדער, וועלכע פאהרען צו זייערע מענער אדער עלטערען.

דער נאציאנאל־ראט פון אורוגוואי וועט קענען אין אויסנאהמס־פאלען ערלויבען אריינצופאהרען אין לאנד אויסלענדישע ספעציאליסטען, וועלכע האבען קאנטראקטען, און אין וועלכע דאס לאנד נויטיגט זיך.

דאס געזעץ לאזט איבער דעם סענאט צו בעשטימען וועלכע ארבייטער זענען נויטיג.

דאס ערשטע בילד פון דער ערדציטערניש אין מעקסיקע

קאנצלער פאן פאפען (לינקס) און הערריא אויף דער קאנפערענץ אין לאזאן

היטלעריסטישער מארש

אויף דער בייערישער הויפט־שטאט זיך נישט איינגעגעבען

בערלין 20 (ספ. טעל.)

עטליכע טויזענד בעוואפענטע היטלעריסטען האבען נעכטען געוואלט בעהערשען די הויפט־שטאט פון בייערן, מינכען.

פון אלע זייטען האבען היטלעריסטען מארשירט אויף דער שטאט, דער קאמף מיט דער פאליציי האט געטראגען א פערביסענעם כאראקטער.

אין איינעגע ערטער האבען זיך די היטלעריסטען אריינגעריסען אין שטאט און געוואלט בעהערשען דעם פלאץ פון בייערישען פרעמיער העלד.

פאליציי האט בעהערשט די לאגע, 600 היטלעריסטען זענען ארעסטירט געווארען.

בלוטיגע קאמפען צווישען היטלעריסטען און קאמוניסטען אין דייטשלאנד

בערלין, 20. (ספ. טעל.)

פון א גרויסע צאהל דייטשע שטעט קומען אן ידיעות וועגען צוזאמענשטויסען צווישען די נאציאנאל־סאציאליסטען, קאמוניסטען, רייכסבאנער, און פאליציי.

פערהאן פיל פערוואונדעטע, די קאמפען זענען געוועזען זעהר פערביטערטע, ס'רוב זענען פארגעקומען שיסערייען צווישען די געגנער.

די שווער־פערוואונדעטע האט מען אפגעפיהרט אין די שפיטאלען.

היטלעריסטען נישט בעקומען קיין מערהייט אין סיים אין העסען

בערלין, 20 (ספ. טעל.)

די וואהלען צום סיים אין העסען האבען נישט געבראכט קיין מערהייט די היטלעריסטען.

היינט פראטעסט־שטרייק אין דער ווארשעווער קהלה

ווארשא, 20 (טעלעפאניש) היינט דינסטאג קומט פאר אנ'איינטאגיגער פראטעסט־שטרייק פון די אנגעשטעלטע אין די ווארשעווער קהלה'שע אינסטיטוציעס, צוליב דעם וואס מען רעדוצירט די לוינען פון די אנגעשטעלטע.

אפקלאנגען פון די סיים־וואהלען

ווארשא, 20 (טעלעפאניש) דאס העכסטע געריכט האט פערעפענטליכט היינט די דעציזיע וועגען פראטעסט געגען די וואהלען, וואס עס האט אריינגעטראגען די יודישע ליסטע צו די סיים־וואהלען אין 56־טען קרייז, אין קאוועל, לובאמל, וול. וואלינסק, הראכאוו.

צוליב דעם, וואס דער פראטעסט איז אפגעגעבען געווארען מיט א פערשפעטיגונג, איז דער פראטעסט בעזייטיגט געווארען אלס נישט בעגרינדעט.

פארבשטיין קומט מארגען קיין ווארשא

ווארשא, 20 (טעלעפאניש).

מארגען מיטוואך קומט פארבשטיין פון ארץ־ישראל קיין ווארשא.

זרובבל זיך אפגעזאגט פון דאזאר־מאנדאט

ווארשא, 20 (טעלעפאניש).

זרובבל האט צוגעשיקט פון אמעריקא צו דער ווארשאווער קהלה, א בריף, אין וועלכען ער שרייבט, אז צוליב דעם, וואס ער בלייבט אין אמעריקא א לענגערע צייט, זאגט ער זיך אפ פון דאזאר מאנדאט לטובת דעם ראטמ. לעוו. אזוי א רום איז לעוו געווארען דאזאר אין דער ווארשאווער קהלה.

אמעריקא דראהט צוריקצוציהען איהר דעלעגאציע פון גענף

פאריז ,20. (ספ. טעל.)

„עקא דע פארי" איז מודיע פון גענף, אז די אמעריקאנער דעלעגאציע איבט אויס א דרוק אויף די אנדערע דעלעגאציעס צוצואיילען די ענטוואפנונגס־קאנפערענץ.

דער מיטגליד פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע סוועסאן האט ערקלערט, אז די מיטגלידער פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע זענען פערגרודעט פון די אקאדעמישע דיסקוסיעס. אויב די סיטואציע אויף דער קאנפערענץ וועט זיך נישט ענדערען, וועט אמעריקע זיין געצוואונגען צוריקצוציהען איהרע פערטרעטער פון גענף.

11 מיליאן ארבייטסלאזע אין אמעריקא

לאנדאן, 20. (ספ. טעל.)

די פעדעראציע פון די פראפ. פעראייניגען האט אויסגערעכענט אז די צאהל ארבייטסלאזע איז איצט געוואקסען אויף 11 מיליאן.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג' קונדשאפט אז איך גיב ווייטער ארויס מיינע גוט־בעקאנטע

גלאט כשר'ע מיטאגען

און איך בעט זעהר מיך ווייטער צו בעזוכען.

די פרייזען זענען צוליב'ן קריזיס רעדוצירט

א מיטאג 1.25 זל. ביז 2.50 זל.

מיט אכטונג קעמפינסקי, פיעטריקאווער 66

אכטונג, לעטניקעס!

דער עלטסטער און איבראל־בעוואוסטער כשר'ער רעסטאראן פון

ה. י. קארא זאוואדזקא 4

עמפפעהלט צום איצטיגען זומער־סעזאן איהרע גוט־בעקאנטע, געזונדע און געשמאקע

מיטאגען פון 50 זל. אן

ערשטקלאסיגע בעדינונג!

פאר אבאנאמענטען — עקסטרא ראבאט!

בילליגער ווי איבעראל

אויפ'ן זומער־סעזאן פערלבעטלעך פון אייגענער אויסארבייטונג. לעושאקעס, האמאקעס, קינדער־בענקלעך, אייזערנע צוזאמלייג־בעטלעך, מאטראצען. ספארט־וועגעלעך צו פאבריקס־פרייזען עמפפעהלט

KRAJOWA CENTRALA ŁOŻEK
66 Piotrkowska 66

בעמ.: כ'בארג אויס בעטלעך אויף זומער־וואוינונגען

אלע דארפען וויסען

אז די פירמע

פערדער זגערזשער 7

לוטאמירסקא 2 און זגערזשער 20

אין די איינציגע קוועלע, וואו מען קריגט אמבילליגסטען צו קויפען

דאמען־ און מענער־היטען

פון די נייעסטע פאסאנען און מאדערנסטע קאלירען, וואס איז ספעציעל צוגעגרייט געווארען אויף דעם קומענדיגען יום־טוב און גלייכצייטיג ווערט אנגענומען צו איבערפאסאנירען מענער־ און דאמען־היטען פון גאר אלט אויף געווענליך נייע און אלעס צו ביליגע פרייזען און רעעלע בעהאנדלונג. געדענקט די אדרעסע!

Dr. med.
W. Eychner

אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבען קינא „טשארי") טעל. 134־72

נעהמט אן פון $2^1/_2$ – 4 און פון 7 – 8 אווענד

Dr. med.
REICHER

פאלודניאווא 28, טעל. 20193

ספעציאל־ארצט פאר מענער־שוועכע־בעהאנדלונג

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אן פון 8 — 11 פריה און פון 5 — 8 אווענד

זונטאג און יום־טובים פון 9 — 1 בייטאג.

Dr. med.
Haltrecht

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און געשלעכטס־קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 21־245

נעהמט אן פון 8–11 פריה, 12.30–1.30 מיטאג און פון 5–9 אווענד, זונטאג פון 10–1.

פאר אונבעמיטעלטע – לאטשניבע־פרייזען.

כשר! וויכטיג! כשר

נייעס צום זומער־סעזאן!

ווילט איהר זיין געזונד?

ווילט איהר עסען געשמאקע און פרישע מיטאגען, פריהשטיקען און אווענדברויטען?

קומט אלע ווי אייער נור אין דעם גוט־בעקאנטען, היגיענישען, כשר'ן

באר „בריסטאל"

4 פאלודניאווא 4

טעל. 74־151

וואו איהר בעקומט צו יעדער צייט די בעסטע

מיטאגען פון 50 אן מיט געפלי־געל

און פער־שידענע אווענדברויטען פון 90 גר. אן.

פריהשטיקען צו בעקומען פון 7 פריה אן

קומט און איבערצייגט אייך!

געבעקס פריי! •• סאלידע בעדינונג!

כ'שיק אפ מיטאגען צו הויזע אהן עקסטרא קאסטען.

א קליינע וואוינונג אפצוגעבען

א וואוינונג פון 1 צימער און קיך מיט גאז און עלעקטרי, וואסער און זלעוו, וואסער־קלאזעט און קעלער־רוים, פארטער פון באלד אפצוגעבען. קלינגען 111־23 פון 10 ביז 12 און פון 5–7.

א געוועלב

אויף זאוואדזקא 11 צו פערמיטען.

אינפארמאציעס: ביי ה. קרול, גראדאווא 4

טעל. 139 09. 3856

ד"ר י. וויגאָדסקי ביים מלוכה-פּרעז. פון ליטע

דער באַקאַנטער יודישער כלל-טוער דערצעהלט וועגן זיין בעזוך אין ליטע און גיט איבער זיין געשפּרעך מיט'ן פּרעזידענט סמעטאָנא

ווילנע. די טעג האָט זיך צוריקגעקעהרט פון קאָוונער ליטע די ערשטע ווילנער ציוניסטישע עקסקורסיע מיט'ן ד"ר יעקב וויגאָדסקי בראש. ער האָט איבערגעגעבן אַ רייהע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם אַרט לעבען פון די ליטווישע יודען.

אויפ'ן וועג, דערצעהלט ד"ר וויגאָדסקי, האָב איך אָבסערווירט אַלע שטעטלעך, וועלכע כ'האָב דאָך אייגענטליך, גוט געקענט נאָך פון די אַמאָליגע רוסישע צייטען, ס'האָט זיך מיר שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען די היפשע קולטורעלע אַרבייט, וועלכע די ליטווינער האָבען פאַר דער לעצטער צייט אָפּגעטון: ואומעטום שיינע טראָטואַרען, ברוקירטע גאַסען, עלעקטרישע בעלייכטונג, ריין, זויבער און ציכטיג.

אין קאָוונאָ גופא האָט אונז אָפּגעוואַרט אַ ריזיגער עולם, ס'האָבען זיך אָפּגעשפּילט פריידיגע סצענעס, דאָס איז געשעהן פון זיך אַליין, ספּאָנטאַניש.

פון דער אַלטער, שיינער, יודישער נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין קאָוונער ליטע איז פּערבליבען ליידער, אַ קליינינקע חרובע „עראַץ" קהלה אין קאָוונע, וואָס רופט זיך „עדת ישראל", הגם ס'אַרבייט מיט אַ היפּשע צאָהל עסקנים בצרכי צבור באמונה, איך האָב דאָס קאָנסטאַטירט ביים גלענצענדען באַנקעט, וועלכען מ'האָט געמאַכט פאַר מיין אָפּפאָהר. די ציוניסטישע מוסדות, די „תרבות"-שולען געפינען זיך אין אַ גלענצענדען מצב, כ'האָב אָבער, ליידער, צוליב מאַנגעל אין צייט נישט געהאַט קיין מעגליכקייט זיך מיט אַלעס גענוי צו בעקענען.

כ'האָב בעזוכט מיינע אַלטע גוטע פריינד פון ווילנע, ווי צב"ש אוני.-רעקטאָר פּראָפ. מיכאַל בירזשישקאָ, פּראָפ. יאָנאַס ווילייש'ס, פּראָפ. יאַנוליי-טיס א"א, וועלכע האָבען געשפּילט און שפּילען נאָך עד היום אַ גרויסע פּאָליטישע ראָל אין ליטע, חוץ דעם האָב איך זיך געזעהן כמעט מיט אַלע ציוניסטישע טוער, וועלכע האָבען אַן איינפלוס אויפ'ן יודישען פּאָליטישען לעבען אין ליטע.

לסוף האָב איך, בעקומען אין זעהר אַ פריינדליכער פאָרם אַן אוידיענץ ביים מלוכה-פּרעזידענט פון ליטע ה' סמעטאָנאָס.

מיט'ן ה' מלוכה-פּרעזידענט בין איך נאָך אַמאָל געווען בעקאַנט אין ווילנע, כ'האָב דעם פּרעזידענט בעדאַנקט אין נאָמען פון די עקסקורסאַנטען פאַר דער ערלויבניש אַריינצופאָהרען קיין ליטע און פאַרן פריינדליכען בעגעהמען זיך צו אונז מצד דער ליטווישער מאַכט בכלל.

כ'האָב דעם ה' פּרעזידענט געזאָגט: „ה' פּרעזידענט! כ'קען דעם קאָוונער קאַנט שוין פון לאַנג אָן. מיט אַ יאָהר זעכציג צוריק האָב איך בעזוכט און פערענדיגט די מאַריאַמפּאָלער גימנאַזיע, זייט מיין לעצטען בעזוך אין קאָוונע איז שוין אַריבער היפּשע עטליכע צוואַנציג יאָהר און ס'האָט מיר פערשאַפט אמת'ע פרייד די גרויסע קולטור-אַרבייט, וועלכע די ליטווינער האָבען אָפּגעטון אין משך פון אַזאַ מין פערהעלטנישמעסיג-קורצער צייט, ערשט ווען מ'פערגלייכט דעם איצטיגען אויסזעהן פון קאָוונער קאַנט מיט'ן אויסזעהן פון די אַמאָליגע רוסישע צייטען, מערקט מען די גרויס און די שיינקייט פון דער אַרבייט".

דערויף האָט דער מלוכה-פּרעזידענט פריינדליך בעמערקט, דאָס ער דערמאָנט זיך מיט פערגעניגען וועגען דער צייט ווען ער האָט מיט מיר איינעם געאַרבייט אין ווילנע, ס'פרייט איהם וואָס די ליטווישע אַרבייט איז מיר געפעלען געוואָרען, דאַן האָט דער פּרעזידענט אין זעהר אַ פריינדליכער פאָרם מיר בעקאַנט מיט דער קולטורעלער אַרבייט אין דאָרף און אין שטאָט, וועלכע ווערט איצט אין ליטע דורכגעפיהרט און וועלכע איז דער ווינקעל שטיין פון זיין גאַנצער אינעווייניגסטער פּאָליטיק, רעדענדיג וועגען ליטווישען סיים, האָט דער פּרעזידענט דערקלערט, אַז אַ סיים אין ליטע וועט זיין און וואַרשיינליך נאָך דעם יאָהר, אַ סיים וועלכער וועט צוגעפּאַסט זיין צו די ליטווישע נויטען און בעדערפעניש'ן.

בעריהרענדיג אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכען די ליטווישע אויסערן-פּאָליטיק האָט דער פּרעזידענט אַרויסגעזאָגט דערביי אויך זיין מיינונג איבער דער יודישער קולטור.

כ'האָב זיך אָנגערופען צום מלוכה-פּרעזידענט: „ה' פּרעזידענט, כ'האָף, אַז די פּאָליטיק פון ליטע בנוגע יודען וועט בלייבען שטיין אויפ'ן יסוד פון דער גרויסער, אַלטער ליטווישער טראַדיציע".

אויף דעם האָט דער מלוכה-פּרעזידענט געענטפערט בזה הלשון:

„ה' דאָקטאָר! אויב איך וועל שטיין בראש פון דער ליטווישער מלוכה, אָדער אַן אַנדער'ער — דאָס וועט נישט ענדערען דעם בענעהמען זיך פון דער ליטווישער מלוכה צו יודען, די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע ליטווישע בירגער פאַר'ן רעכט און געזעץ בלייבט אויך ווייטער דער יסוד פון אונזער פּאָליטיק אויך פאַר יודען".

דערביי האָט דער מלוכה-פּרעזידענט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, בנוגע די יודישע שולען אין ליטע, וועלכע ווערען ווי בעקאַנט, אויסגעהאַלטען פון דער מלוכה.

בכלל איז דער גאַנצער געשפּרעך מיט'ן מלוכה-פּרעזידענט ה' סמעטאָנאַס געפיהרט געוואָרען אין זעהר אַ פריינדליכען און האַרציגען טאָן.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די יודען אין ליטע בכלל, איז געווען, ווי מ'זעהט פון דעם אויפבליה און פונאַנדערבליה פון קאָוונע, משמעות אַ גלענצענדער, אָבער איצטער הויבט זיך שוין אויך דאָרטען אָן אַ קריזיס, וועלכער לאָזט זיך שוין גאַנץ שטאַרק שפּירען, אויך די אויפבוי-אַרבייטען ווערען געפיהרט אין אַ פיל-לאַנגזאַמערען טעמפּאָ".

דער פיהרער פון די היטלעריסטישע קאַמפּס-אָפּטיילונגען גראַף העלדאָרף אין נייעם היטלעריסטישען אוניפאָרם.

די נייע פאָרשריפטען פאַר אויסלענדער אין פראַנקרייך

פּאַריז, 20 (ספּ. טעל.) צו דער פראַנצויזישער געזעץ-געבונג בנוגע אויסלענדער איז צוגעקומען נאָך אַ פּונקט, וועלכער איז זעהר וויכטיג פאַר אויסלענדער.

אַלע אייגענטימער פון האָטעלן, וואוינונגען און פּענסיאָנאַטען דאַרפען מעלדען אין משך פון 24 שעה, אַז ביי זיי וואוינט אַן אויסלענדער.

צום 13-טען פּאַראַגראַף איז צוגעגעבען געוואָרען פאָלגענדעס:

— אין די דעקלאַראַציעס (וועגען אויסלענדער), וועלכע עס מאַכען די אייגענטימער פון האָטעלן דאַרף מען אָנגעבען דאָס אָרט, די דאַטע און נומער פון אַרויסגעגעבענעם פּאַס אָדער אידענטיטעט-קאַרטע פון דעם אויסלענדער. אויב דער אויסלענדער בעזיצט נישט קיין דאָקומענטען, דאַרף מען גלייך וועגען דעם מעלדען דער לאָקאַלער מאַכט.

—:§:—

זעקס יודישע פּאַסאַזשירען שיער נישט אומגעקומען אונטער אַ דאַמפּער

ווילנא.

אַ שווערער אומגליקס-פאַל, וועלכער האָט שיער נישט געבראַכט צו קיין טראַגישע פאָלגען האָט נעכטען פאַרנאַכט פּאַסירט אויף דער וויליע נישט ווייט פון דעם אָפּשטעל-אָרט פון די דאַמפּערס אין פּאָספּעשק.

ווען דער דאַמפּער „פאַן טאַדעאוש" האָט זיך דערנעהנטערט פון פּאָספּעשק האָט זיך נישט ווייט פון אָפּשטעל-אָרט געפונען אַ שיפעל אין וועלכער ס'זענען געזעסען 6 יודען, פיר מענער און צוויי פרויען.

קענטיג, אַז אַלע 6 האָבען נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך צו בעגעהן מיט דעם שיפל און זענען צו נאָהענט צוגעלאָפען צום דאַמפּער. די פאָלגען דערפון זענען געווען פאַטאַל. אין אַ געוויסען מאָמענט האָט דאָס ראַד פון דאַמפּער אַ שטויס-געטון דאָס שיפעל. דאָס שיפעל האָט זיך איבערגעקעהרט און אַלע אַנוועזענדע אין שיפעל זענען מיט געוואַלדיגע געשרייען אַריינגעפאַלען אין וויליע און גענומען זיך טרינקען.

די דאָזיגע סצענע האָבען צוגעזעהן עטליכע אַנוועזענדע אויפ'ן ברעג דאָמשניקעס, וועלכע האָבען גלייך געוואָרפען זיך ראַטעווען די טרינקענדע יודען. דערביי האָט זיך אויסגעצייכענט דער יודישער איינוואוינער קאָטלאָווסקי, אַן אייגענטימער פון אַ יאַטקע אויף דיסנענסקע גאַס, וועלכער האָט ריזיקירענדיג מיט זיין אייגענעם לעבען אַרויסגעצויגען פון דער וויליע 4 טרינקענדע. צווישען זיי דאָס פּאָר-פּאָלק קאָוונער, לייב ראָזענקראַנץ מיט דער כלה, שטשיבוק און נאָך איינעגע פּערזאָן, אויך די איבעריגע זענען מיט דער הילף פון די אַנוועזענדע ביים ברעג שיפלעך אַרויסגעצויגען געוואָרען גע'חלש'טע פון וואַסער.

ווען די הילף וואָלט נישט געקומען אַזוי שנעל, וואָלט זיכער געקומען צו מענשליכע קרבנות.

אַן אייגענאַרטיגער יודישער קינסטלער

אין דער פראַנצויזישער שטאָט רואַן וואוינט אַ זעלטענער יודישער קינסטלער, אַן איינציגער אין זיין מין אויף דער וועלט, ער הייסט נפתלי כהן און זיין ספּעציאַליטעט איז אויסנייען קונסט-בילדער אויף אַ שאָלעכץ פון אַן איי.

נפתלי נייט אויס אויף אַלע מינים איי-שאָלען, זיין אַרבייט פאָדערט אַן איבערמענשליכען געדולד און אַן אויסערגעוועהנליכער פּונקטליכקייט. כהן בלאָזט צוערשט אַרויס דעם אינהאַלט פון איי, דער נאָך מאַכט ער אויפ'ן שאָלעכץ טויזענדער קליינינקע לעכעלעך, דורך וועלכע ער ציהט אַדורך פערשידענע פאַרביגע פעדים, דאָס וואונדערבאַרסטע דערביי איז, אַז ער בעוויזט צו פערקניפּען די פעדים פון דער אינעווייניגסטער זייט איי, ווי אַזוי ער מאַכט עס — דאָס איז זיין סוד.

אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ קינסטלער ווי נפתלי כהן, צום ערשטען מאָל איז זיינע אַן אויסגעצייכענטע איי-שאָלעכץ געווען אויסגעשטעלט אויף דער דעקאָראַטיווער אויסשטעלונג אין פּאַריז אין יאָהר 1925, אויפ'ן איי איז געווען אויסגענייט די שטאָט שטראַסבורג. צו דעם האָט ער געמוזט מאַכען אויפ'ן שאָלעכץ 1634 לעכעלעך.

זיין גרעסטע קונסט-ווערק איז אָבער אַן איי, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די שטאָט רואַן, אויף דעם האָט ער געמוזט מאַכען אַזש 5342 לעכעלעך. איין לעכעל פון צווייטען איז ווייט בסך-הכל איין צעהנטעל מילימעטער, 8 חדשים האָט ביי כהן'ען פערנומען די אויסנייאונג פון דאָזיגען איי.

אַרעסטירט 4 רויבער אין פּיעטריקאָוו

פּיעטריקאָוו, 20. (טעלעפאָניש) 4 בעוואָפענטע באַנדיטען זענען בעפאַלען די וואוינונג פון מאַריאַ וואַלטשאַק און צוגערויבט 500 זל.

פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אָבלאַווע און אַרעסטירט די אַנפאַלער וולאַדיסלאַוו וואַיטאַן, זיינע זיהן סטאַניסלאַוו און יוזעף און טאָמאַש מישטשאַק.

די רויבער ווערען געשטעלט פאַר'ן שטאַנדגעריכט.

סעסיע פון ציונ. אַקציאָנס-קאָמיטעט, דעם 25 יולי

לאָנדאָן 20 (ספּ.)

די סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט וועט געעפענט ווערען דעם 25 יולי.

געשמד'טע יודישע פרויען געהט אַרום איבער די קלויזען און טוט תשובה

ווילנע. לעצטענס האָט מען אין עטליכע יודישע קלויזן פון שטאָט בעמערקט אַ יונגע עלעגאַנט-געקליידעטע פרוי, וועלכע בעט מ'זאָל אָוועקשטעלען פון איהרטוועגען ליכט ביים עמוד. זי שטייט אַ קורצע צייט אין ווינקעל פון קלויז און דערנאָך גייט זי זיך שטילערהייט אַרויס.

די פרוי גייט תמיד אין בעגלייטונג פון אַן אָפיצער און דאָס האָט אַרויסגערופען ביי די שטענדיגע מתפּללים פון די קלויזען אין וועלכע די פרוי בעוויזט זיך, אַ גרויסע פעראינטערעסירונג.

פרייטאָג איז די פרוי ווידער געקומען אין שניפּישקער קלויז און געבעטען איינעם פון די מתפּללים אוועקשטעלען ביים עמוד 2 ליכט. דער יוד האָט איהר דאַן גענומען אויספרעגען נאָך וועמען זי האָט יאָהרצייט און באַלד האָט די פרוי אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין און דערציילט איהם דערביי פאָלגענדע אויסטערלישע געשיכטע:

זי אַליין איז אַ יודיש קינד און שטאַמט פון אַ מיוחסדיגער יודישער פאַמיליע אין ווילנא און האָט זיך געהאָדעוועט ביי איהרע קרובים.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט זי זיך בעקענט מיט אַ קריסטליכען אָפיציר, אין וועלכען זי האָט זיך פערליבט. זי האָט זיך צוליב איהם געשמד'ט און חתונה געהאַט מיט איהם.

איהר פאָטער, ביי וועמען זי האָט זיך אויפגעהאַלטען, האָט זיך דערפון שטאַרק געקלעמט און איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבען.

פון דעמאָלט אָן פיהלט זי זיך זייער שולדיק אין זיין טויט. אויך אין איהר פּריוואַטען לעבען פערפאָלגט איהר אַ ביטערער שיקזאַל.

זי האָט געבוירען פון איהר מאַן 4 קינדערלעך, 3 זענען אָבער געשטאָרבען און דער 4 טער איז איצט שווער קראַנק. זי וויל דעריבער שטעלען ליכט אַלס סימן פון חרטה און ס'זאָל געשאַנעוועט ווער'ן דאָס לעבען פון לעצטען קינד (דער דאָקטאָר האָט איהר פערזיכערט, אַז מעהר קיין קינדער קען זי שוין נישט האָבען). די ליכט שטעלט זי טאָג-טעגליך אין אַן אַנדער קלויז צום אָנדענק פון איהר פערשטאָרבענעם פאָטער.

ביי די ווערטער האָט די אומבעקאַנטע פערלאָזען די קלויז.

— די — בעוואוסטע פעלד-בעטן

P alma-Patent

"Palma-Patent"

וואָס זענען אַלעמען בעקאַנט מיט זייער פּראַקטישקייט און דויערהאַפטיגקייט
מיט אַ גאַראַנטיע אויף 3 יאָהר
וי אויך לעזשאַקעס, פעלד-בעטלעך און פעלד-בענקלעך
מאַטראַצען געבעטע שאַטקאָווע, קאַנאַדיסקע קאָזעטקעס, טאַפּטשאַנעס
בעקומט מען נור אין דער בעקאַנטער פאַבריק
לאָדז, פּולנאַצנאַ 24, טעל. 131-85
הורט דעטייל

ZASTRZYKI, opatrunki, dyżury

LIZA NAMIOTÓWNA

Dyplomowana
Higienistka-Pielęgniarka

ALEJA I MAJA 35 front, I piętro. Tel. 145-02.

Dr. M. Lerner

choroby dzieci

Zachodnia 64, tel. 113-09

przyjmuje codziennie (z wyjątkiem niedziel
od godz. 2–4
i na Wiśniowej Górze (willa Szefnera)
od godz. 8–9 rano i od 5–9 wiecz.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 21 יוני 1932

רייכער מיט אנ'ענטוישונג

מיר האבען נעכטען געבראכט דעם ארטיקעל פון דעפ. י. גרינבוים וועגען פראיעקט פון איטאליענישען פראפעסאר טעדעסקי מכוח אנ'אינטערנאציאנאלער קאנגרעס צום קאמף געגען אנטיסעמיטיזם. זעהר אינטערעסאנט זענען אויך די אלגעמיינע בעטראכטונגען פון דעפ. גרינבוים וועגען קאמף געגען אנטיסעמיטיזם אין זיינע פריהערדיגע און איצטיגע פארמען.

דער קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם איז געוויס נישט קיין נייע זאך אין'ם יודישען פאלקסלעבען. ער איז געפיהרט געווארען אונאויפהערליך, בעזונדערס דורך אונזערע אנפיהרענדע אסימילאטארישע קרייזען אין מערב- און מיטעל אייראפא. צו דעם צוועק זענען געשאפען געווארען געזעלשאפטען, ארויסגעגעבען געווארען ווערק און צייטונגען. עס זענען געווען צייטען, ווען עס האט זיך געקאנט דוכטען, אז דער גאנצער אינהאלט פונ'ם יודישען לעבען דריקט זיך אויס אין דעם דאזיגען קאמף, אין דעם „אבוועהר" געגען דעם אנטיסעמיטיזם, ווי עס הייסט אין דייטשלאנד.

אין וואס איז בעשטאנען דער דאזיגער קאמף? אין אויפקלערונג, אין פערשפרייטען ריכטיגע ידיעות וועגען יודען און יודענטום. דאס איז ווידער א פארמולע. וואס איז געברויכט געווארען אין צארישען רוסלאנד, וואו מען האט אויך געשטעלט זיך אנ'אויפגאבע צו בעקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם. א גאנצע ליטעראטור איז געשאפען געווארען, אום צו בעווייזען, אז די אנטיסעמיטישע טענות און בעשולדיגונגען זענען פאלש און אונבעגרינדעט. נישט נאר א פראפאגאנדא-ליטעראטור, נאר אויך א וויסענשאפטליכע. מען האט געטריבען אפאלאגעטיק. געוויזען דעם „אור התורה" אויפגעדעקט און איבערגעצעהלט די יודישע פערדינסטען פאר די פעלקער און מלוכות, מיט וועלכע מען האט געהאט צו טון, פאר דער גאנצער מענשהייט. ווארום מען האט פעסט געגלויבט, אז די שנאה צו יודען קומט פון אונוויסענהייט, אז דער אנטיסעמיטיזם איז אייגענטליך א פראדוקט פון איגנאראנץ, וואס ווערט מיסגעברויכט דורך בייזוויליגע מענשען, דורך בייזע גייסטער. ווען די דאזיגע אונוויסענהייט וועט פערטריבען ווערען, וועט ער בעדייטענד אפגעשוואכט ווערען, אויב נישט אינגאנצען פערשווינדען.

אזוי האט מען געגלויבט גאר לאנג, אזוי גלויבט מען נאך איצט אין בריטע קרייזען, בעזונדערס פון די אסימילירטע יודען. דער ציוניסטישער געדאנק האט דעם דאזיגען גלויבען פון אנהויב אן נישט געטיילט. ער האט נישט געלייקענט דעם נוצען פון דער אויפקלערונגס-ארבייט, אבער ער האט געזעהען דעם מקור פונ'ם אנטיסעמיטיזם אין דער אומנארמאלער לאגע פון די יודען אויף דער וועלט. ער האט דעריבער געפאדערט צו קאנצענטרירען די ענערגיע נישט אזוי פון דעם „אבוועהר" געגען דעם אנטיסעמיטיזם, ווי אין דער ראדיקאלער ענדערונג פונ'ם יודישען לעבען, פון זיין נארמאליזירונג. אויך דער יודישער סאציאליזם האט געהאלטען, אז דער אנטיסעמיטיזם איז א רעזולטאט פון דער איצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג און וועט פערשווינדען צוזאמען מיט איהר.

דער „אבוועהר-קאמף" איז געווארען אנ'עניין פאר אבגעשטאנענע אסימילירטע יודישע קרייזען, וואס האבען אינ'ם אנטיסעמיטיזם געזעהן א צייכען פון פינסטערניש, אבערגלויבען און אונוויסענהייט, וועלכע קאנען פערטריבען ווערען דורך בילדונג און אויפקלערונג, אדער זיי האבען נאר איינגעשטימט מיט געוויסע אנטיסעמיטישע טענות, אז די יודען זענען נאך נישט אין גאנצען עהנליך צו די הערשענדע פעלקער, און דעריבער מוזען זיי נאך מעהר אנשטרענגען די כוחות, כדי מען מען זאל אין זיי נישט קאנען בעמערקען קיין שום אייגענשאפט, וואס זאל אונטערשיידען צווישען זיי און צווישען די הערשענדע פעלקער. מיט איינינע וואכען צוריק האט א בעקאנטער טוער פון די יודישע אסימילאטארען אין דייטשלאנד געפיהרט דורך ראדיא אנ'עפענטליכען וכוח מיט א טעארעטיקער פון די נאציאנאל-סאציאליסטען און אויף זיינע טענות, אז די יודען זענען נישט קיין דייטשען, אז זיי זענען אנדערע מענשען בטבע, און דעריבער מוז מען זייער איינפלוס אויפ'ן דייטשען לעבען בעזייטיגען, האט ער געענטפערט, אז ס'איז נישט אמת, אז די דייטשע יודען זענען נאר א טייל פונ'ם דייטשען פאלק. הייסט עס, אז אויב די יודען זענען טאקע נישט קיין דייטשען לויט זייער גייסטיגער איינשטעלונג, וואלט דער נאציאנאל-סאציאליסט גערעכט מיט זיין בעציהונג צו זיי.

צו אזעלכע רעזולטאטען קומט מען פונ'ם „אבוועהר-שטאנדפונקט!...

די לעצטע געשעהענישען אין מיטעל אייראפא, די ענטוויקלונג פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער בעוועגונג אין דייטשלאנד, דער טעראר, וועלכען די ראסיסטען ווענדען אן לגבי די יודען, די בעגרענצונגס-געזעצען, וועלכע זיי גרייטען זיך צו פערעפענטליכען בנוגע יודען, ווי נאר זיי וועלען איבערנעהמען די מאכט, צו וועלכער זיי שייגען דאך צו זיין גאר נישט ווייט, דאס אלץ האט, פערשטעהט זיך, געשטעלט ווידער אמאל די פראגע וועגען דעם קאמף מיט'ן אנטיסעמיטיזם און דערצו נאך אין א פיל שארפערער פארם, ווי ווען עס איז. ווארום עס איז קלאר געווארען, אז די בילדונג און דער הויכער קולטורעלער צושטאנד פון די פעלקער איז לחלוטין נישט קיין שטערונג פאר דער ענטוויקלונג פונ'ם אנטיסעמיטיזם אפילו אין דער ברוטאלסטער פארם זיינער. ביז גאר נישט לאנג האט מען געמיינט, אז די דאזיגע ברוטאלע פארמען פון אנטיסעמיטישען טעראר קאנען גאנץ זיין בלויז אין די אבגעשטאנענע האלב-בארבארישע לענדער פון מזרח-אייראפא, איצט האט מען זיך פלוצים איבערצייגט, אז פון זיי זענען נישט אסעקורירט די הויך-קולטורעלע לענדער פון מיטעל-אייראפא. עס איז אלזא בולט געווארען די עובדה, אז דער אנטיסעמיטיזם קאן הארמאניזירען מיט'ן העכסטען קולטורעלען צושטאנד.

דאס יודישע בעוואוסטזיין איז ווידער געווארען רייכער מיט איין גרויסער ענטוישונג. אבער דערמיט, מיט דער קאנסטאטירונג פון דעם דאזיגען טרויעריגען פאקט קאן מען זיך, זעלבסטפערשטענדליך, נישט בעגנוגענען. מען זוכט ווידער מיטלען פון קאמף, פון אבוועהר. מען געהט הויפטזעכליך אויף די אלטע וועגען, אבער עס הערען זיך אויך נייע פלענער.

דעפ. י. גרינבוים.

דעמאקראטיע איז גארנישט—פאלק—איז גארנישט

אייראפע שטעהט פאר א רייה נייע גרויסע מלחמות

העכסט סענסאציאנעלער אינטערוויאו מיט מוסאליני'ן

דער נאמען פון א פאשיסטישען דיקטאטאר מוסאליני פיגורירט לעצטענס כמעט טעגליך אין דער פרעסע פון דער וועלט. מיר האבען ערשט נעכטען ציטירט זיינעם אנ'ארטיקעל וועגען די ריזיגע קאנצערנען און טרעסטען און זייער נעגאטיווער ראלע אין דער מאדערנער ווירטשאפט. אין א גאנצער רייה אייראפעאישע בלעטער דרוקען זיך די אינטערוויאו'ען, וועלכע דער דיקטאטאר האט געגעבען דעם בעריהמטען דייטשען שריפטשטעלער עמיל לודוויג איבער די פערשידענסטע פראגען פון געשיכטע, קונסט, ליטעראטור, מוזיק. איין געשפרעך איז געווען געווידמעט נאפאלעאנ'ען. אין דאזיגען שמועס האט מוסאליני דורכגעפיהרט א פאראלעל צווישען דעם פראנצויזישען קייזער און זיך, בעמערקענדיג דערביי, אז בעת נאפאלעאן האט פארענדיגט די רעוואלוציע אין פראנקרייך, הויבט ער, מוסאליני, ערשט אן. אויף דער פראגע פון לודוויג'ן, צי איז נישט מעגליך אנ'אוזורפאטאר, וואס זאל גלייכצייטיג זיין בעליבט ביים פאלק, האט מוסאליני געענטפערט:

— אפשר איז אזעלכער געווען צעזאר. זיין ערמארדונג איז געווען אנ'אומגליק פאר דער מענשהייט. איך ליב צעזאר'ן. ער האט אין זיך פעראייניגט דעם כאראקטער פון א קעמפער מיט'ן געניוס פון א גרויסען חכם. אין גרונד גענומען איז ער געווען א פילאזאף, וועלכער האט אלצדינג געזעהן אונטער'ן געזיכטספונקט פון דער אייביגקייט.

א דיקטאטאר, האט מוסאליני געזאגט, קאן זיין געליבט, אויב גלייכצייטיג האבען די מענשען פאר איהם מורא. דער המון האט ליב שטארקע מענשען. דער המון איז ווי א פרויענצימער.

א זעהר אינטערעסאנטען געשפרעך מיט מוסאליני'ן האט געהאט אויך דער רעדאקטאר פון דער ענגלישער צייטונג „דיילי עקספרעס" דושעמס דונלאס. מוסאליני האט דעם זשורנאליסט אויפגענומען אין זיין ארבייטס-קאבינעט אין פאלאץ „וועניציא". דער קאבינעט איז אונגעהויער גרויס און עס שטעהען דארט נישט מעהר ווי א טיש און צוויי שטוהלען.

מוסאליני איז תיכף צוגעטראטען צו רעדען איבער פאליטישע טעמעס.

— אין דער וועלט, האט ער געזאגט, זענען פאראן בלויז צוויי כוחות, וואס שטערען דער באלשעוויזאציע פון אייראפע. דאס זענען ענגלאנד און איטאליען. ענגלאנד איז שטארק, איינהייטליך און דיסציפלינירט. דאס זעלבע קאן מען זאגען וועגען איטאליען. אמעריקע! האט מוסאליני אויסגערופען, אמעריקע האט נישט קיין שום פאליטיק, זי האט צו טון מיט לינדבערג'ן און מיט דער אלקאהאל-פראגע.

דער זשורנאליסט האט געפרובט פערפיהרען דעם שמועס אויף לאזאן און גענף, אבער מוסאליני האט איהם איבערגעריסען: צו די דאזיגע קאנפערענצען בעציהט ער זיך מיט דער גרעסטער פעראכטונג.

— דעמאקראטיע, האט מוסאליני ווייטער געזאגט, דאס איז א גארנישט. און דאס פאלק, — דאס איז אויך גארנישט. זיי קאנען גארנישט טון. אין אלע לענדער זענען די מענשען אויסערגעוועהנליך מיד פון דער אונאויפהערליכער פלוידעריי. די פעלקער ווארטען אויף מענשען פון טאט, זיי אליין קאנען זיך נישט ראטעווען און זיי ערווארטען זייערע רעטער.

— וואו-זשע זענען זיי, די רעטער? האט געפרעגט דער זשורנאליסט.

— נישטא קיין רעטער! האט מוסאליני אויסגעשריגען.

— וואס-זשע ווארט אויף אונז?

— א לאנגע רייה פון פאליטישע, ווירטשאפטליכע און מיליטערישע מלחמות.

— און ווען וועט זיין שלום?

— שלום! האט ווידער מוסאליני אויסגעשריגען און האט אויפגעהויבען די הענד צום הימעל — יא, באמת, ווען וועט זיין שלום?

אלץ, וואס דער דיקטאטאר האט געזאגט, האט לויט דעם איינדרוק פון זשורנאליסט געטראגען דעם כאראקטער פון סקעפטיציזם און פעראכטונג.

מוסאליני האט נאך געזאגט, אז די צייט פון קריגס-חובות און רעפאראציעס איז געענדיגט, דאס געהערט צו דער פערגאנגענהייט, אויב דייטשלאנד וועט זאגען „ניין", דאן וועט אויך איטאליען זאגען „ניין".

דוגלאס דריקט אויס זיין בעדויערען, וואס ער מוז ארייגווארפען אזא באמבע אין סאמע אנהויב פון דער לאזאנער קאנפערענץ, אבער עס איז וויכטיג, אז אייראפע זאל קוקען דעם אמת גלייך אין די אויגען אריין.

אויף א סאוויעטישער שיף

א געראטעוועטער פון „זשארזש פיליפאר" דערצעהלט וועגען דער רעטונגס-ארבייט און דעם לעבען אויף „סאוויעטסקאיא ניעפט"

ווי בעקאנט, זענען די עטליכע הונדערט פאסאזשירען פון דער אפגעברענטער פראנצויזישער שיף „זשארזש פיליפאר" אפגעראטעוועט געווארען דורך דעם סאוויעטישען דאמפער „סאוויעטסקאיא ניעפט". צווישען די געראטעוועטע האט זיך געפונען איינער א רוסישער אינזשיניער, אנ'עמיגראנט און שונא פון די סאוויעטען (ער איז געווען אפיציר אין די ווייס-גווארדיישע ארמעען) אזוי ווי די מאנשאפט פון דער סאוויעטישער שיף האט זיך נישט געקאנט פערשטענדיגען מיט די געראטעוועטע, מייסטענס פראנצויזען, איז דער אינזשיניער געווען דער איבערזעצער. איצט דערצעהלט דער אינזשיניער אין א פאריזער צייטונג איינינע זעהר אינטערעסאנטע פרטים וועגען דער רעטונגס-אקציע און וועגען לעבען אויף די סאוויעטישער שיף.

נעבן איך בין ארויף אויף דער סאוויעטישער שיף, דערצעהלט דער אינזשיניער, בין איך געווען איבערראשט, נישט זעהענדיג קיינעם פון דער מאנשאפט. עס האבען זיך בלויז געפונען דער קאפיטאן, דער דאקטאר און דער מעכאניקער. אלע איבעריגע האט דער קאפיטאן ארויסגעשיקט אין לאדקעס און אין א מאטאר-שיפעל אויף צו ראטעווען די טרינקענדע.

מ'דארף זאגען דעם אמת: ווען נישט די לאדקעס פון דער „סאוויעטסקאיא ניעפט", וואלט די צאהל דערטרונקענע געווען גרעסער אויף א פופציג מאן. פיל האבען זיך געווארפען אין וואסער אריין, נישט אנטוענדיג קיין רעטונגס-גארטלען. א חוץ דעם זענען דא די וואסערען פיל מיט היפישען. דער ערשטער געראטעוועטער איז געווען א דריי חדשים'דיג קינד. די מוטער פון קינד איז געשוואומען א פולשטענדיג נאקעטע האלטענדיג דאס קינד איבער'ן קאפ. א מאטראס האט זיך געווארפען אין וואסער אריין, האט צוגענומען ביי דער פרוי דאס קינד און דאן האט ער ארויסגעצויגען פון וואסער די פרוי אויך.

פינף לאדקעס זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון דער ברענענדיגער שיף און האבען אויפן וועג אויפגענומען אלע פאסאזשירען פון וואסער. אויף יעדער לאדקע האט זיך געפונען א [illegible], וועלכער האט אנגעפיהרט מיט דער רעטונגס-אקציע. ווען פון וואסער זענען שוין אלע געווען ארויסגעצויגען, זענען די לאדקעס צוגעגאנגען דירעקט צו דער ברענענדיגער שיף און האבען אנגעהויבען פון דארט אראפצונעהמען די פאסאזשירען. דאס איז געווען אנ'אויסערגעוועהנליך געפעהרליכע ארבייט, ווייל די שיף האט צו יעדער רגע געקאנט עקספלאדירען.

ארום אכט א זייגער אינדערפריה איז שוין אויף דער אפגעברענטער שיף און אין וואסער קיינער נישט געווען. אבער די „סאוויעטסקאיא ניעפט" האט איצט אויסגעזעהן ווי א לאגער נאך א חורבן. דער קאפיטאן אלעקסעיעוו, דער דאקטאר און די אפיצירען האבען אפגעטראטען זייערע קאיוטעס פאר די פרויען און קינדער און אליין האבען זיי זיך איינגעארדענט אויפ'ן דעק פון דער שיף. דער דאקטאר האט געארבייט אהן אויפהער, ווייל צווישען די געראטעוועטע האבען זיך געפונען מעהר פאר פופציג פערוואונדעטע. מ'האט אויפגעקאכט א קעסעל טיי, געעפענט א פעסעל מיט פוטער, עטליכע קאסטענס מיט געבעקס און אנדערע עסענווארג און מ'האט אלעמען געגעבען צו עסען. ס'האט אויסגעפעהלט ברויט און דאן האט דער קאפיטאן געגעבען א בעפעהל, מ'זאל באקען ברויט אהן אויפהער: אויף דער שיף האט די מאנשאפט אויסגעמאכט קנאפע פופציג מאן, און דא זענען מיטאמאל צוגעקומען 500 מענשען פון „זשארזש פיליפאר"!

פראוויזיע איז געווען אויף דער שיף גענוג. די שיף איז געגאנגען פון וולאדיוואסטאק קיין באטום און האט דעריבער געפיהרט מיט זיך גרויסע זאפאסען פראוויאנט. עס זענען געווען לרוב לעבעדיגע חזירים, גענז, קאטשקעס א. אז. וו. די קוכער'ס פון דער פערברענטער שיף זענען געקומען צו זיך און האבען זיך אויך גענומען צו דער ארבייט. מ'האט אפגעקאכט א פיינעם מיטאג, אויף וועלכען די געראטעוועטע האבען זיך געווארפען, ווי די וועלף. פערשטעהט זיך, אז גאפלען און לעפעל האט אויסגעפעהלט. און ווי שבעל מענשען קערען זיך צוריק צו זייערע געוואוינהייטען: די מאטראסען פון דער אפגעברענטער שיף האבען שוין אנגעהויבען ארויסצודריקען זייער אונצופרידענהייט, פארוואס מ'גיט זיי נישט זייער געוועהנליכע פארציע וויין! געגעבען האט מען בלויז טיי פון זיסען וואסער, וואס די שיף האט געפיהרט נאך פון וולאדיוואסטאק, און מיט דעם וואסער האט מען געדארפט זיין שפארזאם.

די סאוויעטישע מאטראסען [illegible] אראפגענומען פון זיך אלצדינג: זיי האבען אוועקגעגעבען זייערע העמדער, הויזען, אלץ, וואס זיי האבען געהאט און אליין זענען זיי ארומגעגאנגען אין קורצע באדהייזלעך און בארוועס. ווען די געראטעוועטע פאסאזשירען זענען שפעטער אויפגענומען געווארען דורך דער פראנצויזישער שיף „אנדרע לעבאן", האבען פיל פאסאזשירען געבעטען ביי די מאטראסען זייערע אדרעסען, וועלענדיג אין דער צוקונפט זיי מיט עפעס אפדאנקען.

דער אינזשיניער דערצעהלט ווייטער, אז ער האט זיך נעהנטער בעקענט מיט דער מאנשאפט, עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די מאטראסען און די אפיצירען זענען אלע קאמוניסטען. בלויז דער קאפיטאן און דער שיפס-דאקטאר [illegible] געווען אונפארטייאישע. די קיך אויף דער סאוויעטישער שיף איז א געמיינזאמע פאר די מאטראסען און אפיצירען, בלויז דער קאפיטאן, דער דאקטאר און דער שטייערמאן זיי עסען בעזונדער. די מאטראסען האבען א לענין-ווינקעל, וואו עס געפינען זיך צייטונגען, ביכער, בראשורען, א ראדיא-אפאראט און א ריזיגער פארטרעט פון לענינען. די אפיצירען האבען בעזונדערע קאיוטעס, די מאטראסען וואוינען צו צוויי, דריי מאן אין א קאיוטע. די שיף איז א נייע, געבויט לויט דער לעצטער קאנסטרוקציע אין פראנקרייך, אומעטום איז זעהר ריין.

דער אינזשיניער דערצעהלט [illegible] אזוי די מאנשאפט איז געוואויר געווארען, אז ער איז אנ'עמיגראנט. אלע האבען זיך זעהר געוואונדערט, ווען ער האט געזאגט, אז ער וויל נישט פאהרען צוריק קיין רוסלאנד, ווייל דארט איז דאס לעבען שווער און ווייל דארט איז נישטא [illegible] פרייהייט, פערקעהרט, לויט זייער מיינונג, איז די אמת'ע פרייהייט פאראן דווקא אין רוסלאנד. זיי האבען איהם פארגעלעגט צו פאהרען קיין רוסלאנד. דארט בויט מען, גענוג, זאגען זיי, פאר איך צו ארבייטען פאר די קאפיטאליסטען. מ'האט איהם אפילו פארגעלעגט א פאסטען פון א מעכאניקער אויף דער שיף. ער האט דעם פארשלאג נישט אנגענומען, וועלענדיג לעבען אין די לענדער, וואו עס הערשט פרייהייט.

דער אינזשיניער האט זיך צורעדט מיט איין מאטראס און דא האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי האבען אין דער צייט פון בירגער-קריג געקעמפט איינער געגען אנדערען אויף איין ארט: דער מאטראס אלס רויט-ארמייער און דער אינזשיניער אלס ווייס-גווארדייער. דער מאטראס, האט זיך פון דער דאזיגער בעגעגעניש אזוי דערפרייט, אז ר'האט געצוואונגען דעם אינזשיניער צו מאכען אינאיינעם א כוסה.

אַ רייזע אויפ'ן שיף אין אונזער קריזיס־צייט

פון מאָריס שוואַרץ.

דער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט די טריקעניש. ער האָט אָבער אויך נישט געשוינט דעם ים.

— דער ים איז ווי אַ מענש — טענה'ט צו מיר אַ פיהרער פון שיף — אין גוטע צייטען רייסט ער דעם קאָפּ אַרויף: „קוקט מיך אָן! עס איז מיר גוט! איך בין רייך, איך בין מעכטיג"! אין אַ קריזיס וואַרפט ער זיך, און שילט, און רעדט מיט כעס פון פערגאַנגענע גוטע צייטען, דער אַטלאַנטיק איז אויך אַזוי. עס איז איהם איצט שלעכט, בלאָזט ער זיך, סטראַשעט, וואַרפט זיך, אָבער מיר האָבען פאַר איהם קיין מורא נישט.

דער קריזיס האָט זיך אויך געפיהלט ביים געזעגענען זיך, אין די גוטע צייטען זענען פרעמדע מענשען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר, היינט קומען נישט אַפילו קיין אייגענע זיך געזעגענען מיט אייגענע. אַמאָל האָבען מענשען געבראַכט צום שיף בלומען, פּערפומען, אַלערליי פרוכטען און קאָנפעקטען. היינט ברענגט מען אָפּגעניצעוועטע בייכער, זשורנאַלען, אויסגעלייענטע צייטונגען און סעמעטשקעס צום קנאַקען, ווען עס ווערט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען.

די פּאַסאַזשירען פון ערשטען קלאַס מאַכען דעם איינדרוק, אַז זיי פאָהרען אַלע ערגעץ קריגען אַ נייעם קאָנטראַקט צום לעבען, ווייל אַלע זעהען זיי אויס ווי האַלב־טויטע.

אויף די שפּאַציר־דעקען איז ליידיג. קיינער שפּאַצירט נישט. אַמאָל האָט מען שפּאַצירט. צו זיינען ווייזען די טייערע, רייכע קליידער מיט די דימענטען, איצט זיצען די פּאַסאַזשירען איינגעוויקעלט אין די שיף־קאָלדרעס, ווייס מען נישט, ווער עס איז שענער אָנגעטון. דער קאַפּיטאַן פון שיף דרעהט זיך אַרום מיט אַ צוקנייטשטען מונדיר און מיט פערציר־עוועטע הויזען, צו ווייזען, אַז ער פיהלט אויך דעם קריזיס, טראָגען אַנ'אויסגעפּרעסטען אנצוג אין די איצטיגע צייטען, מיינט, טרעטען אויף יענעמס היבער־אויגען, און דער קאַפּיטאַן איז אַ מענש מיט יושר.

אין טוריסטען־קלאַס זענען שוין די פּאַסאַזשירען אַביסעל בעסער געשטימט, עס איז אַ געמיש פון אַלערליי קלאַסען, — אַרבייטער, פּראָפעסאָרען, דאָקטוירים, מוזיקער, אַקטיאָרען, רבנים און געוועזענע געשעפטסלייט, וואָס האָבען איבערגעלאָזען זייערע געשעפטען אויפ'ן שיק־יונגעל און אַנטלאָפען פון די צרות. צווישען די טוריסטען איז פרעהליכער, ווי אין ערשטען קלאַס, ווייל ערשטענס, האָבען נאָך אַלע דעם אַפּעטיט פון גוטע צייטען. און זיי האָבען נאָך כמעט אַלע געזונדטע באַק־ציינער, און אויב מען דערלאַנגט נאָך עפּעס פערבלייבט גאָר נישט אין טעלער.

אַלערליי שפּראַכען ווערען גערעדט הויך און טומלדיג. דאָ שעהמט מען זיך נישט. דעמאָקראַטישע טוריסטען!

אָט זיצען דריי יודען ביי אַ טיש און פילדערן, אַז דער טוריסטען־קלאַס איז אַ ברכה פון גאָט: מען קען נעהמען אַ יודיש וואָרט אין מויל אַריין. יודען דאַרפען למען־השם, נאָר פאָהרען מיט די טוריסטען, צווישען די טוריסטען האָט אַנ'אַנטיסעמיט אַ יוערט וויפיל אַ שפּיי אין ים. טוריסטען האָבען אפשר נישט ליב קיין יודען, אָבער קיין אַנטיסעמיטען זענען זיי, חלילה, נישט.

און עס איז טאַקע אמת אויך. איך אַליין האָב געזעהן ביי איין טיש דריי גלחים (קאַטאָליקען), 2 דייטשען, דריי ענגלענדער, צוויי פראַנצויזען, 4 אַמעריקאַנער יענקים און אַ יוד. עס הייסט, נישט קיין יוד, נאָר אַ יודעל, אַ קליינער, אַנאויסגעראַרטער, קוים וואָס ער שלעפּט זיך ערגעץ פון באָסטאָן צו זיינעם אַ פעטער צו גאַסט קיין פוילען. בין איך געשטאַנען אין אַ זייט און זיך צוגעקוקט, וואָס דאָס יודעל האָט דאָ צואַרבייט. ער האָט דאָ ממש פערצענטפערט אַלע וועלט־פראַגען. ער איז געווען וואָרט־פיהרער פון דער דעבאַטע, און ער האָט אַליין דעבאַטירט, ער האָט זיי אַלעמען פערמאַטערט ווען די דיסקוסיע האָט זיך געענדיגט. האָט זיך קיינער פון אָרט נישט געקענט ריהרען. און דאָס יודעל האָט פערווינקערט אַ פּאַפּיראָס און געפרעגט אויף אַ הויכען קול „ווען איז אַ צווייטער מיטיג"?..

איך האָב געקוקט אויף דעם יודעל און פערשטאַנען, פאַרוואָס מיר זענען אַזאַ אַלט פאָלק.

אין איין ווינקעל פון שיף פיהלט זיך דיוקא גוטע צייטען יאָ. דאָס איז דער דריטער קלאַס.

אַרום זעקס הונדערט פּאַסאַזשירען זענען פאַרהאַן אין דריטען קלאַס—מענער, פרויען און קינדער, אַלע האָבען געמאַכט שלום מיט'ן קריזיס. דער קריזיס איז אַ טייל פון זיי. ער איז אַריין אין זייער סאַמע בלוט, און זיי לאַכען פון איהם. זיי איז גוט, זיי קוקען אויף די איבעריגע פּאַסאַזשירען מיט ביטול, זיי זענען בעסערע, שטאַרקערע מענשען, ווי די ערשטע קלאַסניקעס מיט די טוריסטען. די גרעסטע צאָהל פון זיי האָט אַ לאַך־געטון אַמעריקע אין פּנים אַריין און פערלאָזט דאָס גאָלדענע לאַנד אויף תמיד.

אַ טייל פאָהרען קיין רוסלאַנד, קיין פראַנקרייך, קיין ארץ־ישראל, מיט האַק און פּאַק מיט די קינדער, מיט די בעבעכעס. פּטור געוואָרען פון דעם נאַרישען גלאַנץ פון אַמעריקע, מען דאַרף אָנהויבען בויען אויפסניי. אין לענדער, וואָס זענען אָרימער, אָבער גייסטיג רייכער.

— אַמעריקע איז טריף! — שרייט אַ גאַליציאַנער אַלטע יודענע, וואָס פאָהרט צו איהר טאָכטער אין גאַליציע, צו פערברייען דאָרטען — פע, פע, פע! איך האָב זעקס קינדער אין אַמעריקע, און אַלע טויגען זיי נישט. זיי וועלען אַפילו נאָך מיר קיין קדיש נישט זאָגען. אַ טריף לאַנד! אַ שוהל איז קיין שוהל נישט, אַפילו אַ בית־עולם נישט. איך וואָלט מורא געהאַט צו ליגען צווישען די מתים אין אַמעריקע פע, פע!

אין אַ זייט זיצען דריי כינעזער, געבוירען אין אַמעריקע, — מיר פאָהרען קיין כינע — זאָגט דער יונגסטער פון זיי — מיר ווילען שוין דאָרטען פערבלייבען, מיר ווילען ווערען כינעזישע בירגער, אויס פּראָטעסט געגען דער אַמעריקאַנער אומגערעכטיגקייט. ווי נאַאיוו אַמעריקע האָט זיך געמאַכט, ווען יאַפּאַן האָט פערברענט און חרוב געמאַכט אַ טייל פון כינע, און אומשולדיג בלוט האָט זיך געגאָסען! און די דעמאָקראַטישע אַמעריקע האָט געשוויגען, זיך געמאַכט בלינד און טויב. אַמעריקע ווייס, ווען צו געהן העלפען, אַמעריקע העלפט נאָר דאַן, ווען זי ווייס, אַז אַלע פעלקער זאָלען ווערען איהרע בעלי־חובות, ווען יאַפּאַן וועט בעפאַלען אַמעריקע, וועט כינע האַנדלען מעהר טאָלעראַנט.

איך האָב זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון דעם אַמעריקאַנער כינעזער און איך האָב פערשטאַנען, פאַרוואָס דער דריטער קלאַס איז אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט מענשען.

ביים געזעגענען זיך, האָט מען געהערט איין וואונש פון אַלעמען: „נעהמט אונז מיט, הלוואַי, קענען מיר אויך אַוועקפאָהרען פון דאַנען"!

צייטען ביטען זיך, אַמאָל האָט מען אין אַלע לענדער געשריגען: „נעהמט אונז מיט קיין אַמעריקע"! איצט וויל מען אַנטלויפען. איז באמת אין דעם דער קריזיס שולדיג?

איך גלויב, אַז דער פינאַנציעלער קריזיס איז נישט אַזוי שולדיג, ווי דער אינערליכער, טיף־מענשליכער נשמה־קריזיס, וואָס הערשט אין אַמעריקע. די אויבערפלעכליכקייט דריקט, ווי אַ שווערע לאַסט.

סוף כל סוף קען דאָך דער מענש אין אַמעריקע זיך נישט בעגנוגענען מיט'ן פוסטען, פערשטעלטען גלאַנץ, וואָלקענקראַצערס איבעראַשען נישט מעהר. פערקעהרט, עס ווערט מיאוס צו קוקען אויף די הויכע טורמעס, וואָס דערמאָנען אָן דעם סוף פון בבל, און אַפילו זיי פוסטעווען אויך.

דער קריזיס אין דער וועלט קומט דורך און פון אַמעריקע, און איז פיל מעהר אַ פינאַנציעלע רעפערעסיע. די אַמעריקאַנער בירגער טרייסלען פון זיך אַראָפּ די גאָלדענע שפּינוועב־הויט, וועלכע האָט זיי אין פערלויף פון יאָהרען איינגעהילט. דער אַמעריקאַנער מענש שניידט זיך אַרויס אין אייגענע נייע פאָרמען, וואָס פון פריהערע וועט אַרויסקומען, וועט די צייט בעווייזען.

נאָר די פּאַסאַזשירען פון דריטען קלאַס, ווייזט אויס, קענען נישט וואַרטען. און זיי לאָזען זיך, ווי מחנות פייגעל, פליהען אין די „וואַרימערע קלימאַטען".

ווער ווייס, וואָס פאַר אַ וואַרימקייט זיי וועלען דאָרט געפינען!

די זון קוקט אַרונטער אויף די מוראַשקעס, וואָס לויפען אַרום אויפ'ן שיף, יעדער מיט זיין ביטעל צרות און האָפענונג. און די זון וואַרימט און וואַרפט זילבער־שטראַלען אויף די כוואַליעס און שמייכעלט מיט אַ נישט־וואַרימען שמייכעל.

זיי ווילען נישט זיין קיין דינסטען

(אַ בריף פון אַרגענטינע)

וויפיל מען זאָל זיך נישט וואונדערען און וויפיל מען זאָל וועגען דעם נישט רעדען, בלייבט עס אָבער אַ פאַקט, אַז יודישע מיידלעך ווילען אין אַרגענטינע נישט זיין קיין דינסטען.

דאָס וואונדערט בעזונדערס, ווען מען ווייסט, אַז אַ סך יודישע מיידלעך, מעהרסטענס „גרינע" אויך אין דער היים. אין פוילען אָדער אין רוסלאַנד, נישט קיין געפּיעסטעטע, ווילען דאָ נישט הערען פון שטובּיגע אַרבייטען ביי יענעם, צו מאַכען פון דעם אַ לעבען. אַזאַ יודיש מיידעל וועט מיט איהר פערגעניגען צוהונגערען און פערלירען די לעצטע האָפנונג. און זעלטען־זעלטען, וועלכע עס דעצידירט זיך אויף אַזאַ שריט.

הויז־בעדינונג איז דאָ צווישען די יודישע פרויען די געפאַלענסטע אַרבייט. מען וויל זיך צו דעם נישט אָנגעהערען.

אַלע ווייסען מיר אָבער, אַז אין פוילען, אין דער אַלטער היים, פון וואַנען עס קומען די מעהרסטע עמיגראַנטקעס, איז דאָס מין פון הויז־בעדינונג אַ פערשפּרייטע בעשעפטיגונג צווישען יודישע פרויען.

אין דער אַלטער היים האָבען די דינסטען — אין דער גרעסטער מאָס, אין דער מעהרהייט — אַ שלעכטע בעהאַנדלונג. פונדעסטוועגען, אַנטלויפען נישט יודישע פרויען פון דער פּרנסה און מאַכען דערפון אַ לעבען.

אין אַמעריקע איז די אַרבייט פון הויז־בעדינונג פיל בעסער אָפּגעצאָהלט. אָפּגערעדט שוין פון צפון־אַמעריקע, וואו דינסטען (לפּחות די מעהרהייט פון זיי) שטעלען די שטרענגסטע קאָנדיציעס.

ובפרט אין אַרגענטינע, [illegible] די יודישע פרויען דערקלערט אַ באָיקאָט אויף דעם גאַנצען מין פון שטובּיגער אַרבייט. איין מאָל ניין, און יודישע מיידלעך ווילען נישט זיין קיין דינסטען... כאָטש עס זענען פאַרהאַן דינסטען, וועלכע פיל באַלעבאָסטעס זענען כמעט ווי מקנא, ווייל זיי, די באַלעבאָסטעס'ן מעהרער צוגעבונדען צו דער שטוב, איידער די שטוב־בעדינערינס....

נאַטירליך, דאַרף דאָ קיינער נישט מיינען, אַז עס איז ווירקליך דאָ, וואָס מקנא צו זיין אַ גוט־אָנגעשטעלטער דינסט אין אַרגענטינע. חס ושלום, זאָל מען דאָס נישט מיינען. ווי גוט זיי זענען אָנגעשטעלט. האָרעווען זיי אויך גאַנץ־שווער און ביטער אויף זייער פּרנסה, ווען אַפילו זיי האָבען ליב זיך צו חכמה'נען ביי דער טיר און זינגען, בעת זיי ראַהמען, קעהרען, וואַשען און בעזאָרגען די שטוב מיט אַלע קלייניגקייטען. עס איז אָבער פּאָרט אַנ'אַרבייט. מיט וועלכער מען קען זיך נישט וואַרפען. די פרוי, וועלכע דאַרף געהן פערדינען אויף דאָס לעבען, אויף אַנ'ערליכען וועג, דאַרף טאַקע זעהן צו בעקומען גוטע בעדינגונגען. עס זאָל איהר לויבען, זי זאָל זיין בעזאָרגט פאַר איהר ערליכער אַרבייט — נאָר שעהמען זיך מיט דער אַרבייט. איז נישטאָ וואָס, אויב נאָר מען האָט מענשליכע בעדינגונגען פאַר דער האָרעוואַניע.

דערפאַר טאַקע וואונדערט עס, פאַרוואָס פיל אָרימע יודישע מיידלעך ווילען פאַר קיין פאַל נישט זיין קיין הויז־בעדינערינס. באַכמעהר, פיל, אָרימע, עלענדע, געהען אַוועק אויף קרומע וועגען.... אָהן אַ פאַך אין האַנד, קענען זיי קיין גוטע שטעלע, סתם אין דער וועלט אַריין, נישט בעקומען, און זיך בעשעפטיגען מיט שטוב־אַרבייט, דאָס ווילען זיי נישט, פאַלען זיי, פאַלען נידעריג.... דערביי דערצעהלען זיי געשיכטעס, אַז אַ דינסט איז אַלס פרוי אויסגעשטעלט אויף פערשידענע ריזיקעס....

קען מען אָבער זאָגען, אַז דאָס איז הונדערט פּראָצענט ריכטיג?

ניין.

דער, וואָס וויל נישט זיין ערליך קען דאָס זיין אומעטום, און די, וואָס איז גענייגט צו ווערען אויסגעלאַסען, וועט ווערען אויסגעלאַסען, אַפילו זייענדיג אין שטוב. ביי דער מאַמען.... ווייל די, וועלכע וויל זיין אָרענטליך, וועט וויסען ווי אַזוי צו פערטיידיגען איהר ערליכקייט און בלייבען ריין.....

און צווישען די גוטע דינסטען פערדינען דאָך די מעהרסטע פון זיי גאַנץ גוט. בעת [illegible]דלעך, וועלכע פאַלען אַריין אין פאַבריקלעך, נישט האָבענדיג קיין פאַך אין האַנד, זענען צופרידען, ווען זיי פערדינען 2 פעזעס אַ טאָג, אָבער זיי פערדינען דאָס אויך נישט. אָהן עסען, אָהן טרינקען און אָהן וואוינונג!...

עס זענען דאָ פיל הויז־בעדינערינס — קריסטינס — וועלכע אַרבייטען אָפּ אַ שטיקעל צייט, און שפּאָרען אָפּ אַביסעל געלד, האָבען נאָכדעם חתונה, און מאַכען אַ גוט לעבען, האָבענדיג זיך שטענדיג אויסגעהיט פון אויסגעלאַסענקייט און לעבענדיג אַנ'אָרענטליך לעבען, פון ערליכער, אייגענער פּראַצע.

אַבאַ שיין.

ב. פראַנק

די „ליאַלקע"

(פון דער פּאַריזער אונטער־וועלט)

האָט מען זיך פערקליבען אין אַ קאַפע ביי סען־פאַל.

דאָרט אין אַ שמאָל געסעל ווערט געמשפּט מאָריס. די קלעגערין איז „גאָלדע דער גאַנצער טריבונאַל: „ליאַלקע".

זיצט זיך „ליאַלקע" גליקליך פון זיין ראָלע און הערט אויס די געשלאָגענע פרוי. ער האַלט זיך ווירדיג, רוהיג, מעשה טריבונאַל־פּאָרזיצער. מיט קיין וואָרט שלאָגט ער נישט איבער די צוויי צוקריגטע און גיט נישט צו קיינעם פון די אַ גרעסערען שמייכעל. דינע ווערטער און תּביעות זענען געוואויגען און געמאָסטען. אַ ריכטער איז אַ ריכטער.

— ער וויל מיך איועקוואַרפען — קלאָגט זיך גאָלדע — איך האָב דאָ נישט קיינעם, נישט קיין פריינד, נישט קיין „שוועסטערס". וואָס זאָל איך דאָ טאָן? ? ער שאַרט זיך צו דער רויטער מאַרי, ער האָט זי איינגעלאַדען צו געהן אין קינאָ. איך בין זיכער, אַז ער וויל מיך איועקוואַרפען. איז דאָס גוט אַזוי? טוט מען אַזוי? אין בוענאָס איירעס האָט ער מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקען און דאָ...

די געשלאָגענע פרוי האָט אויפגעדעקט איהר לייב. איהר קערפּער איז געווען צוהאַקט ווי אַ ריב־אייזען. בלויע און ברוינע סימנים האָבען זיך אומעטום אויסגעסאָטען. מאָריס האָט זי „געצייכנט" אומעטום, אויפ'ן אָרים האָבען זיך אַנידער געלעגט פינף גראָבע פינגער, וואָס האָבען זיך איינגעשניטען אין איהר פלייש מיט דער גרעסטער שאַרפקייט. זיי האָבען זיך אָנגעזעהן קלאָהר און דייטליך. אָהן שאַנדע האָט גאָלדע פון זיך אַראָפּגעצויגען די בלוזקע און האָט זיך געשטעלט מיט'ן רוקען צום ריכטער.

— נאַט זעהט!

און מ'האָט געזעהן אַ צוהרגטען, אַ צו ממית'טען רוקען.

און נאָך דעם לייב פון תענוג און גליק זענען דאָס נאָכגעלאָפען הונגעריגע מענער. ביי דער אומגליקליכער פרוי איז מען דאָס געלאָפען זוכען גליק און געצאָהלט טייער פאַר אַ „סחורה", וועלכע זי האָט אַליין נישט געהאַט...

אַנ'אָרימע, אַנ'אומגליקליכע איז געשטאַנען גאָלדע פאַר'ן ריכטער און איהרע טרעהרען האָבען געטריפט:

— וואָס וויל ער פון מיר? וואָס האָט ער צו מיר?

און די אָרימע פרוי, וואָס האָט אויסגעזעהן אַזוי אַפּעטיטליך און רייצענד אונטער'ן שמינק, וואָס האָט מיט איהרע ליפּען איינגעביסען אַזוי פיל מענשען אין דער גאַס, איז געשטאַנען כמעט נאַקעט און אָהן רייז אין אַ הינטער־זאַל פון אַ פאַר־דער קאַפע־הויז. זי האָט נישט געוועקט די מינדעסטע פערלאַנגען.

דער ריכטער האָט לאַנג בעטראַכט ביידען און זיך אָנגערופען מיט געצעהלטע ווערטער:

— מאָריס. זאָלסט דאָ נישט איבערלאָזען דיין גאָלדע. פיהר זי צוריק וואו דו האָסט זי גענומען! קיין בוענאָס איירעס פיהר זי צוריק. אונזערס אַ „ברודער" און אַ „שוועסטער" דאַרפען זיך וויסען ווי צו האַלטען. ערליך זאָל מען זיין. דיין גאָלדע איז גערעכט, פיהר זי צוריק אַ היים. האָסט געהער?

מאָריס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגען.

— אויב נישט — האָט פאָרטגעזעצט „ליאַלקע" — זאָלסטו זיך נישט שעהמען. איך וועל אויסלעגען פאַר דיר. „אונזערע" מוזען זיך אונטערשטיצען. נישקשה. וועסט מיר בעצאָהלען, איך האָב צוטרוי, אַז נישט וועט אונזער פעראיין דיך שטיצען. וואָס שווייגסטו?

— אַ דאַנק — האָט געמורמעלט מאָריס — איך קען אָבער צוריק נישט קומען — האָט ער צוגעגעבען געהיימניספול — פּאָליציי...

— קענסט יאָ!

מאָריסעס אויגען האָבען אויפגעלויכטען.

— טאַקי?

— אַז „ליאַלקע" זאָגט, מן הסתם ווייסט ער וואָס ער זאָגט.

— אַ דאַנק!

— מיט איהר!

— מיט איהר!

גאָלדע פאַלט צו די פיס איהר ריכטער און וויל איהם קושען. דער ריכטער ציהט נישט צוריק זיינע הענד.

— אָבער דו גאָלדע, אַ וואויל „ווייב" זאָלסטו זיין, נישקשה, אַ קלאַפּ פערגעהט און אַ וואָרט בעשטעהט. מאָריס'ן מוזטו האָ־כען און איהם דינען. טריי דינען. פערשטאַנען?

און נאָכ'ן „בית־דין" איז „ליאַלקע" געוואָרען אַ אייגענער און וואוילער מענש. אויסמישען זיך מיט אַבי וועמען נאַטירליך קען ער נישט. אָבער אַלע טאָג פלעגט ער אַראָפּקומען אין קאַפע און צאָהלען אַ „גלאָז" נויטבעדערפטיגע „ברידער" און „שוועסטער". ער האָט זיך אינפאָרמירט וועגען זייער לאַגע און האָט רוהיג און געמיטליך גערויכערט זיין סיגאַר.

די „פרויען" האָבען איהם אָפּגעגעבען דעם גרעסטען כבוד און די חברה־לייט האָבען איהם טיף בעגריסט. אַ קלייניגקייט — די „ליאַלקע" איז דאָ אין פּאַריז! דער פּרעזידענט פון די אַרגענטינער חברה־לייט!

און אַלע אָוונד פלעגט מען איהם זעהן אויף ריוואָלי מיט זיין ליאַלקיכע ביי דער זייט. ער פלעגט זיך נישט אומקוקען אָבער זיינע געשליפענע אויגען האָבען געזעהן דעם גאַנצען פרויען־האַנדעל וואָס שפּילט זיך דאָרט אָפּ.

אין זיך האָט ער געמאַכט פערגלייכונגען צווישען פּאַריז און בוענאָס איירעס. פלענער פון עקספּאָרט און אימפּאָרט האָבען געבליהט אין זיין קאָפּ. וואָלט ער נאָך היינט געווען יונג וואָלט ער נאָך פיל אויפגעטון אויף דעם „געביט".

אָבער ער האָט זיך צוריקגעצויגען פון די „ביזנעס".

און די „ליאַלקע" האָט זיך אויסגעיידערט און שטאָלץ פעריסען די נאַז. זי האָט זיך געפיהלט די „מוהמע" פון די אַלע עלענדע און אומגליקליכע יודישע פרויען, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום קוואַרטאַל. זי האָט שוין לאַנג פערגעסען, אַז אַמאָל איז זי געווען איינע פון זיי.

איהרע ברילליאַנטען האָבען געפינקעלט אין דער העלער פּאַריזער נאַכט, און זי האָט געטראַכט מיט אַ שמייכעל:

— דאָרט, ביי אונז, אין בוענאָס איירעס, אַרבייטען איצט אַזעלכע צעהנדליגער פרויען, כדי מיר, איך און מיין ליאַלקע זאָלען קענען דאָ געהן שפּאַצירען אין פּאַריז. זיי האָבען אונז געקויפט ציהרונג, ברילליאַנטען, דימענטען, זיי האָבען אונז געצאָהלט די שיפס־קאַרטען און די טייערסטע פּאַריזער האָטעלען.

און זי האָט צוגעוואָרפען די פרויען אַ בליק, ווי מ'וואַרפט צו אַ הונד אַ ביין...

((סוף))

האנדווערקעריי און האנדעל

אויף דער וואר

האנדווערקער קאמערן דארפען שאפען קרעדיט-אינסטיטוציעס

דער פראיעקט פון דער צווישען-צעך-קאמיסיע פאר בוי-שוץ הויבט שוין אן אין די נאהענטסטע טעג פערווירקליכט צו ווערען, עס איז דעריבער כדאי זיך אפצושטעלען אויף די מאראלישע זייט פון דעם ערפאלג, וועלכען דאס שאפען פון דער קאמיסיע ברענגט מיט זיך. דער פראיעקט איז געשאפען געווארען לויט דער איניציאטיוו פון די בעלעכער און מאלער-צעכען דורכ'ן האנדווערקער פערבאנד, פאלודניאווא 4. היות, דאס איז געווען אנ'אקציע, וועלכע האט געמוזט ארומנעהמען יודישע און קריסטליכע האנדווערקער איז בעשלאסען געווארען צו דער ווייטערער ארבייט צוצוציהען די האנדווערקער-קאמער, וועלכע איז אומשטאנד צוזאמענצוברענגען די יודישע און קריסטליכע האנדווערקער צו איין בעראטונגס - טיש און דערמיט אויך דיכערען דעם ערפאלג פון דער אקציע.

די האנדווערקער-קאמער האט די אויסגעשטרעקטע האנד פון די האנדווערקער אנגענומען און יעצט האלט עס שוין ביי דער פערווירקליכונג פון פראיעקט, און דאס איז טאקע נישט בלויז א פאקטישער ערפאלג, נאר אויך א מאראלישער די געמיינזאמע ארבייט אין דער ארגאניזאציע-קאמיסיע פאר בוי-שוץ האט בעוויזען, אז ביי פראקטישע ארבייט לטובת דעם בעל מלאכה איז נישט דא קיין פלאץ פאר אנטאגאניזם צווישען קריסטליכען און יודישען בעל-מלאכה. אזא פאזיטיווע בעציהונג פון אלע בעטייליגטע אין דער ארבייט, סיי קריסטען, סיי יודען האט מען שוין לאנג נישט געזעהען. דאס לערנט אונז, אז עס איז די העכסטע צייט אויך מיט אנדערע געמיינזאמע אקציעס ארויסצוטרעטען מיט געהעריגע איניציאטיוו און די איניציאטיוו וועט זיכער געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

מיר ווילען טאקע יעצט ארויסטרעטען מיט א פראיעקט אין אנ'ענין, וועלכער האט א קאלאסאלע בעדייטונג פאר'ן גאנצען האנדווערקערטום. ערשט אין פאריגען ארטיקעל אויף דעם ארט האבען מיר בעריהרט די קרעדיט-פראגע, אז די דאזיגע פראגע איז אויסערגעוועהנליך וויכטיג. ברויכען מיר נישט מעהר צו בעטאנען, עס פיהלט עס יעדער בעל-מלאכה אויף זיינע אייגענע פלייצעס.

צווישען די הונדערטער מיליאנען קרעדיטען, וועלכע ווערען יעהרליך פערטיילט דורך דער מלוכה געפינט זיך אויך א פאזיציע פאר האנדווערקער-קרעדיט, וועלכע געפינט זיך אין דער האנד פון דער באנק פאר לאנדווירטשאפט. ווי מיר האבען שוין אין איינעם פון די פאריגע ארטיקלען בעמערקט, איז דער צוגעטיילטער קרעדיט אין יאהר 1929 אין דער הויך פון 14.000.000 זל. דורך דעם האנדווערק נישט אויסגענוצט געווארען און די רעגירונג האט שוין אין די ווייטערע יאהרען דעם קרעדיט אפגעשניטען ביז א העלפט. אויסערדעם, זעהען מיר, אז די קרעסען געניסען פראצענט-געמעס פון א גרעסערן קרעדיט, ווי די אינערליכע וואיעוואודזטוועס פון לאנד.

זעלבסטפערשטענדליך, איז עס די אויפגאבע פון אלע האנדווערקער-קאמערן זיך צו בעמיהען, אז דער קרעדיט זאל געהעכערט ווערען. פארלויפיג, כאטש ביז צו די גרעניצען פון דער צוגעטיילטער קוואטע פון 1929 יאהר. און דא קומען מיר צו אונזער פראיעקט. עס מוז זיך געפינען דער ארגאן, וועלכער זאל זיך בעמיהען דעם קרעדיט צו בעקומען. עס מוזען אין גאנצען לאנד געגרינדעט ווערען קאאפעראטיווע האנדווערקער-קאסעס, וועלכע זאלען אויף זיך נעהמען די אויפגאבע צו פערמיטלען צווישען דער באנק פאר פאלקס-ווירטשאפט און דעם בעל-מלאכה. כדי דער ערפאלג פון אזא אקציע זאל זיין א מעהר געזיכערטער, וואלט געווינשען געווען, אז די איניציאטיוו זאלען איבערנעהמען די האנדווערקער-קאמערן.

מיר מוזען אין לאדז מאכען די התחלה און מען קען זיכער זיין, אז ביי אנ'ערפאלגרייכען רעזולטאט וועלען אנדערע האנדווערקער-קאמערן נאכטון דעם ביישפיל און עס וועלען געשאפען ווערען, אזעלכע קאסעס אין אלע שטעט, וואו עס זענען פערהאן האנדווערקער-קאמערן, וועלכע וועלען זיך נאך פעראייניגען אין איין פערבאנד. אזא ארגאניזאציע וועט מיט זיך פארשטעלען א [illegible]-גען כוח און וועט קענען ווירקען אין קרעדיט-הינזיכט לטובת דעם האנדווערקער.

מיר מיינען, אז די ארגאניזאציע-ארבייט מוז אויך געהען אין די זעלבע דרכים, ווי עס איז געגאנגען די ארבייט פון שאפען די צווישען צעך-קאמיסיע פאר בוי-שוץ. עס מוז זיך געפינען דער איניציאטאר, וועלכער זאל צוזאמענרופען אנ'ענגע בעראטונג פון איניגע יודישע און קריסטליכע האנדווערקער, וועלכע זאלען דורכרעדען צווישען זיך וועגען די עקרים פון אזא ענין און דערנאך זיך ווענדען צו דער קאמער מיט א געהעריג בעארבייטען מאטעריאל. צוזאמען מיט פארשטעהער פון די קאמער זאלען ערשט בעטראכט ווערען די איינצעלהייטען פון שאפען אזא אינסטיטוציע.

די געמיינזאמע ארבייט פון קריסטליכען און יודישען בעל-מלאכה אויף דעם געביט, קען ברענגען גאנץ גוטע רעזולטאטען.

ביים צוזאמענשטעלען דעם שקיץ פון אזא פראיעקט איז זעלבסטפערשטענדליך נאך נישט זיכער, וואס פאר א כאראקטער אזא אינסטיטוציע זאל האבען און עס איז אויך נישט אויסגעשלאסען, אז די קאסע זאל האבען דעם כאראקטער פון א פארשוסבאנק, וועלכע וועט געבען הלוואות אויף אנגענומענע בעשטעלונגען פון בעל-מלאכות און דערנאך איינקאסירען דעם בעטראג פאר די אויסגעפיהרטע ארבייט און דערמיט זיכערן די הלוואה. ווי עס זאל אבער נישט זיין, האט אונז די בוי-שוץ-קאמיסיע געלערנט מיט געמיינזאמע ארבייט צו געהן צום ציל און דאס זאל יעצט זיין אונזער אויפגאבע.

ב. פרוינד.

וואס יעדער סוחר און האנדווערקער דארף וויסען?

וויכטיגער אורטייל פון העכסטען גע-ריכט וועגען דעם אויסקויפען פאטענ-טען אין דער שיך-בראנזשע

לויט'ן געזעץ וועגען אינדוסטריעלען שטייער דארף מען בעזיצען א פאטענט פון דער 2-טער קאט. אין פאל ווען מען פערקויפט עלעגאנטע שיך.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם האבען א טייל שטייער-אמטען, אפעלאציאנס-קאמיסיעס און גע-ריכטען אויסגעטייטשט דאס געזעץ אין דעם זין, אז אויף אלערליי לאקירטע שיך מוז מען אויסקויפען א פאטענט פון דער 2-טער קאטעגאריע. ס'איז אזוי ארום אויסגעקומען, אז קליינע געשעפט-לעך, וועלכע האבען פערקויפט דעם ערגסטען מין לאקירטע שיך צו 12—15 ג. האבען שוין בעדארפט אויסקויפען א פאטענט פון דער 2-טער קאט.

לעצטענס האט דער העכסטער געריכט בע-טראכט דעם ענין און האט זיך ארויסגעזאגט, אז דאס ווארט „עלעגאנטע" קען אזוי נישט אויסגע-טייטש ווערען און נישט אלע וואס האבען אין זייערע פאטענטען לאקירטע שיך דארפען אויסקוי-פען פאטענטען פון צווייטער קאטעגאריע.

אין דער לאדזער פינאנץ-קאמער א קאנפערענץ, געווידמעט דער פראגע צו רעווידירען די סטאווקעס פון הכנסה-שטייער אין 1932.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, איז אין צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין, פאמארסקא 15, פארגעקומען א ספעציעלע קאנפערענץ פון אלע בראנזשען-סעקציעס. ווי ס'שטעלט זיך ארויס, האט די פינאנץ קאמער בדעה צו העכערן די סטאווקעס, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין פערגלייך מיט'ן פערגאנגענעם יאהר, וועט דער הכנסה-שטייער זיין פיל גרעסער, שוין דערפאר, ווייל דער דאזיגער שטייער ווערט געשאצט לויט'ן אומזאץ, און אזוי ווי דער אומזאץ-שטייער איז אויסגעמאסטען געווארען נישט קלענער ווי פאר דעם פערגאנגענעם יאהר, אין דער צייט ווען די אומזאצען האבען זיך בעדייטענד פערקלענערט, וועט אויסקומען אז מ'וועט צאהלען הכנסה פון נישט געמאכטע אומזאצען. א חוץ דעם וועט אויפ'ן ארט פון 10 פראצ. צוגאבע, גענומען ווערען א קריזיס-צוגאבע, וועלכע וועט בעטרעפען נאך 5 פראצ.

ליידען דערפון וועלען נאר די סוחרים, וועלכע האבען נישט קיין האנדעלס-ביכער און קענען נישט דאקומענטירען זייערע פערלוסטען, אלזא אין דער ערשטער רייה דער קליינהענדלער.

ס'איז אויסגעארבייט געווארען א מעמאריאל אין וועלכען ס'ווערט אנגעוויזען אויף די דאזיגע פערהעלטענישען.

היינט — א פלענאר-זיצונג פון דער האנדעלס-קאמער

היינט 6 א זייגער אין אוועגד קומט פאר א פלענארע זיצונג פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער. אויף דער טאג-ארדנונג געפינט זיך דער בעריכט פאר'ן יאהר 1931 און א גאנצע רייה אנדערע וויכטיגע פראגען. ווי מיר דערוויסען זיך קלויבען זיך די יודישע קליינהענדלער-ראטמענער אנצוווייזען אויף דער שרעקליכער לאגע פון די יודישע קליינהענדלער און וועגען די הילפס-מיטלען, וואס דארפען אנגענומען ווערען.

ווער געניסט פון דעם 1 פראצענטיגען אומזאץ-שטייער

דאס פינאנץ-מיניסטעריום מיט'ן רעסקריפט פון 25.5. האט צוגעשטעלט, ווי די האנדעלס-קאמער, אז די הורט-סוחרים (הורטאווניקעס), וועל-כע האבען אין יאהר 1931 נישט געפיהרט קיין האנדעלס-ביכער קענען פון די 1 פראצ. סטאווקע נישט געניסען, ווען אפילו זיי האבען אין 1932 יא איינגעפיהרט ביכער.

געפאהר פון אפשאצען דעם הכנסה-שטייער העכער ווי אין יאהר 1931

אין די נאהענטסטע טעג, וועט פארקומען

9-טער פינאנץ-אמט לעדיגט אויס א שטוב פון אנ'אר'מען יוד. האנדווערקער

אהן א פריהערדיגער אנמעלדונג פון א ליציטאציע-טערמין

די האנדווערקער-קאמער דארף זיך מיט דעם ענין פעראינטערעסירען

ווידער אמאל פערצייכענען מיר א פאקט, וואס טאר נישט פערשוויגען ווערען:

זעהר אפט הערען מיר ערקלערונגען פון די פינאנץ-ארגאנען, אז די פינאנץ מאכט וויל נישט דעם שטייער-צאהלער רואינירען א. ד. גל. עס איז א פאקט, פון וועלכען מ'קען אנדערש טייטשען:

אויף קאמיענא 1 וואוינט אנ'ארימער טיש-לער איצעק לובינסקי, וועלכער איז שולדיג געווען דעם 9-טען פינאנץ-אמט פאר דער ערשטער „זא-ליטשקע" פון אומזאץ-שטייער פאר'ן לעצטען יאהר א סומע פון 136 זל. אויף דער סומע האט מען איהם מיט עטליכע וואכען צוריק געמאכט א זא-יענטשע אויף דער קליידער-שאנק און א טיש מיט שטוהלען.

היות ווי לובינסקי איז זעהר געקוועהלט, האט ער אין משך פון דער צייט די סומע נישט געקענט איינצאהלען.

נעכטען איז צו לובינסקי'ן פלוצלינג געקומען דער סעקוועסטראטאר, צוזאמען מיט נאך א גאנצע חברה „קויפערס", און אהן א פריהעריגען ליציטא-ציע טערמין, גענומען ארויסטראגען די שאנק און דעם טיש מיט שטוהלען.

אויף דער פראגע פון לובינסקי'ן, פארוואס מ'האט איהם פריהער נישט מיטגעטיילט קיין טער-מין פון דער ליציטאציע, און צי האט ער רעכט צו נעמען ביי אנ'ארימען האנדווערקער די איינ-ציגע שאנק און טיש, און אויסליידיגען די שטוב, האט דער סעקוועסטראטאר געענטפערט: „מיר הא-בען רעכט דערצו".

נישט וועלענדיג דערלאזען די „קויפערס" אין שטוב אריין, האט ל. גערופען א פאליציאנט, און די קויפערס האבען זיך אפגעטראגען. דער סעקוועסטראטאר האט דאן אליין זיך מטריח גע-ווען, און די שאנק מיט דעם טיש אוועקגעפיהרט.

איצט איז די וואוינונג געבליבען לעדיג. מחמת די שאנק מיט דעם טיש און שטוהל איז געווען דאס לעצטע מעבעל פון זיין באלעבאטיש-קייט.

מיר פרעגען דערום: צי איז דאס די אויפ-גאבע פון דער פינאנץ-מאכט, אויסצוליידיגען א שטוב פון אנ'ארימען האנדווערקער, און דערצו אהן א פריהעריגער אנמעלדונג פון א ליציטאציע-טערמין? די האנדווערקער-קאמער וואלט זיך מיט דעם ענין געדארפט פעראינטערעסירען!

איז די שווערע קריזיס-יאהרען

די לאגע איז לאדז אין ליכט פון קלויזולעס, אופאדלאשטשעס און האנדעלס-פראצעסען

ווער ס'וויל האבען א שטיקעל איבערבליק איבער די געשעפטליכע פערהעלטנישען און די לאגע פון אונזער סוחר'טום, קען דאס בעקומען פון דער טעטיגקייט אין געריכטס-וועזען. וואס די צייט איז ערגער פראצעסירט מען זיך מעהרער.

מיר גיבען אט דא אין אונזער ארטיקעל א רייה פון ציפערן אויס דעם האנדעלס-געריכט פאר'ן יאהר 1931 און גלייכצייטיג א טאבעלע פון די טעטיגקייטען פאר די לעצטע 3 יאהר. דאס זענען בולט'ע ציפערן פון דער קריטישער צייט, וואס דאס לאדזער סוחר'טום האט אדורכגעמאכט אין משך פון די לעצטע דריי יאהר:

יאהר	האנדעלס-פראצעסען	קלויזולעס פון איבער 1000 זל.	„נאדזאָר"	„אופאדלאשטשען"
1929	1482	3407	128	165
1930	1597	4905	109	227
1931	1328	4189	51	113

מיר זעהען אלזא פון דער דאזיגער טאבעלע, אז דעם גרעסטען רעקארד אויפ'ן געביט פון פראצעסירען זיך האט געשלאגען דאס יאהר 1930. אין האנדעלס פראצעסען און קלויזולעס שטעהען די דריי יאהר אויף כמעט דערזעלבער מדרגה. דאגעגען אויפ'ן געביט פון „נאדזורען" איז דאס לעצטע יאהר אין פערגלייך צום יאהר 1929 צוריקגעגאנגען אויף 125 פראצענט און אין „אופאדלאשטשען" אויף 50 פראצענט, ווייל אין ערשטען פאל האט דאס האנדעלס-געריכט גענומען שטארק אויפ'ן אויג די אלע, וועלכע האבען געבעטען אויף א „נאדזור" און איצט איז א „אופאדלאשטש" צו ערקלערען אויך נישט אזוי איינפאך.

די האנדעלס - פראצעסען פון יאהר 1931 זענען בעשטאנען אין

580	פראצעסען פון פראטעסטירטע אינלענדישע וועקסלען אויף דער סומע פון	3,026,026
35	„ „ נישט-פראטעסטירטע „ „ „ „ „	365,615
89	„ „ פראטעסטירטע אויסלענדישע „ „ „ „ „	1,492,155
334	„ „ קאנטא-אויסצוגען „ „ „ „	3,751,677
290	„ „ קאנטראקטען און אנדערע אבליגאס „ „ „	2,036,920
1328		10,672,393
4189	קלויזולעס האבען בעטראפען די סומע פון	12,970,174

פון די 113 „אופאדלאשטשען" זענען 19 ערקלערט געווארען אויפ'ן יסוד פון ארימקייט. 86 אויפ'ן גרונד פון די אנקלאגעס פון בעלי-חובות, איינער פון אמט און 7 ביטעס וועגען ערקלערען „אופאדלאשטשען" האט דאס געריכט אפגעווארפען. די „אופאדלאשטשען", וואס דאס געריכט האט נאך נישט פערענדיגט בעטרעפען אין פאסיוו 80,425,108 זל. און אין אקטיוו 71,436,836 זל. ד. ה. א מינוס אין 8,989,267 זל. און די פערענ-דיגטע „אופאדלאשטשען" בעשטעהען די בילאנסען פון 8 820,350 זל. אין אקטיוו און 12,963,169 זל. אין פאסיוו.

פערענדיגט זענען געווארען 86 „אופאדלאש-טשען" אויפען יסוד פון אנ'אויסגלייך מיט די בעלי-חובות, 12 אויף דער בעמיהונג פון די געפאלענע סוחרים און 11 אויפען יסוד פון אנדערע סבות.

וואס אט דאס אלעס האט געקאסט? דערויף וועלען מיר פעסטשטעלען, אז מיליאנען, הגם קיין פאקטישע ציפערן האבען מיר נישט, ס'וועט נאר גענוג זיין אנצווייזען, אז אין די האנדעלס-פראצעסען בעטרעפט דער אבצאהל פאר'ן יאהר 1931 2 פראצענט פון דער סומע צורעכענענדיג 10 פראצענט יעהרליך צינזען (איצט קאסט שוין 3 פראצענט פון דער פערווענדערטער סומע) א זלאטע פון יעדער געריכטס אויפאדערונג (איצט 80 גראשען און צו 50 גראשען פון יעדען ביילעגע-רען דאקומענט) און 4 זל. פארן „וויראק". פון קלויזולעס 1 פראצענט פון דער סומע (איצט 1 און א האלב פראצענט) און 4 זל. קאנצעלאריע-קאסטען פון יעדערע קלויזולע. פון א „אופאדלאשטש" קאסט צום ערשטען 300 זל. און מיט אנ'ארעסט-בעפעהל 400 זל. דאן קומען נאך קוראטארען, עקספערטען, סינדיקעס, קאמארניקעס און אדוואקאטען וואס ס'מאכען שוין דאן אויס אין די ריזיגע סומען.

אט דאס איז א בולט בילד, ווי ס'זעהט אויס לאדז אין דעם קריזיס-יאהר 1931.

ב. פ.

נייער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזשער לעבן

נייער פאָלקסבלאַט

דינסטאָג
יז
21
סיון תרצ"ב

יוני
זון-אויפגאַנג 3.14
זון-אונטערגאַנג 7.59

פאַבאַר פון יאָהרגאַנג 1911

היינט, דעם 21-טען יוני ד. י. דאַרפען זיך שטעלען:

פאַר דער פאַבאַר-קאָמיסיע נומער 1 (נאַרו-טאָוויטשאַ 75) די פאַבאַראָוועצעס פון יאָהרגאַנג 1911, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 9-טען פאָל. קאָמיסאַריאַט, וועמענס נעמען ס'הויבען זיך אָן מיט די ליטערעס:

A B C D E H Ch I J

מאָרגען, דעם 22-טען פון 11-טען קאָמ.

F G L Ł R T

פאַר דער קאָמיסיע נומער 2 (אַגראָדאָווע 34) די פאַבאַראָוועצעס פון יאָהרגאַנג 1911, וואָס וואוי-נען אויפ'ן שטח פון 14. פאָליציי-קאָמיסאַריאַט מיט די פאַמיליען-נעמען אויף די אותיות:

E F R U W

מאָרגען, דעם 22 - טען, פון 14 - טען קאָמי-סאַריאַט, די ליטערעס:

I J K

פאַר דער קאָמיסיע נומער 3 (קאָשטשושקי 21) די יאָהרגענג פון 1911 און עלטערע, וואָס וואוינען אין לאָדז, און זענען צוגעשריבען צו אַנדערע קרייזן דעלעגירטע פון אַנדערע פאָוויאַטן.

צו די פאַבאַר-קאָמיסיעס דאַרפען די פאַבאַ-ראָוועצעס מיטנעמען די פעסער, אָדער פערזענליכע דאָקומענטען אַרויסגעגעבען פון די פאָליציי-קאָמ-סאַריאַטען, פראָלאָנגאַציע און רעגיסטראַציע-קאַר-טען, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען פון לאָדזשער מאַגיסטראַט, און בעשייניגונגען וועגען פאַך און בילדונג.

די פליכט פון צושטעלען פערזענליכע דאָקו-מענטען איז אויך הל אויף די פאַבאַראָוועצעס פון קאַטעגאָריע ב., וועלכע האָבען די דאָזיגע בעשיי-ניגונגען צוגעשטעלט צו די פאַבאַר-קאָמיסיע אין די פריהערדיגע יאָהרען.

—:XX:—

פון האַנדעלס-געריכט

בוי-פירמע „קורט האָפמאַן" איבערגעגעבען דער פראָקוראַטור. — אופאַדלאַשטש פון דער פירמע „ש. בופענשטיין" געענדיגט

סוף מערץ ד. י. איז פאָרגעקומען אַ קרעדי-טאָרען-פערזאַמלונג פון דער באַנקראָטירטער בוי-פירמע „קורט האָפמאַן" (פעטריק. 174), אויף וועל-כער דער סינדיק האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט, אַז האָפמאַן בעפינט זיך נישט אין לאָדז, און מ'ווייסט נישט וואו ער געפינט זיך. ס'איז דאַן בעשלאָסען געוואָרען, צו וועהלען אַ סינדיק און אַ קאַסיר. אַלס סינדיק און קאַסיר איז געוועהלט געוואָרען אַדוו. לעוויט. אויף דער פערזאַמלונג איז געשלאָסען גע-וואָרען אַ קרעדיטאָרען-פערבאַנד.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון האַנדעלס-גע-ריכט, איז דער קרעדיטאָרען-פערבאַנד בעשטעטיגט געוואָרען. דער ענין איז איבערגעגעבען געוואָרען דער פראָקוראַטור אַלס בייזוויליגען באַנקראָט.

* * *

אויף דער לעצטער זיצונג, האָט דאָס האַנ-דעלס-געריכט אויף דער ביטע פון די קרעדיטאָרען, דעם אופאַדלאַשטש פון דער פירמע שכנא בופענ-שטיין (פעטריק. 16) מבטל געמאַכט. דערמיט איז דער אופאַדלאַשטש פון דער דערמאָנטער פירמע פערענדיגט געוואָרען.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופאַדלאַשטש פון דער פירמע „א. ב. מאַנעלא", לעדער-סוחר (נאַוואָמיעסקא 4), האָט דאָס געריכט דערלויבט דעם סינדיק, צו פערקויפען די אַקטיוון אויף פרייער האַנד.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופאַדלאַשטש פון משה שייניאַק, דרוקעריי-בעזיצער (גדאַנסקאַ 40), האָט דאָס געריכט געגעבען די קרעדיטאָרען אַ צוגאַב-טערמין פון 2 וואָכען.

* * *

אַ צוגאַב-טערמין איז אויך געגעבען געוואָרען די קרעדיטאָרען פון דער פירמע „הוגאַ גיטעל", זייף-פאַבריק. דער לעצטער טערמין אויף אָנצומעל-דען די פּרעטענזיעס, איז בעשטימט געוואָרען אויפן 14-טען יולי ד. י.

דאָס אַפּהאַלטען די עקסמיסיעס

לעצטענס פסק'נען די לאָדזשער געריכטען אַנדערש

(2) די שרעקליכע לאַגע פון אַ גרויסער צאָהל אַרבייטער, ובפרט אַרבייטסלאָזע האָט, כידוע, דערפיהרט צו דעם בשעתו אַרויסגעגעבענעם דע-קרעט וועגען איינהאַלטען די עקסמיסיעס אין משך פון זומער, ד. ה. פונ'ם 1. אַפּריל ביז'ן 1. אָקטאָ-בער ה. י.

די פּראַקטיק האָט אָבער אַרויסגעוויזען, אַז עס טרעפען אָפט פאַלען, ווען די לאָדזשער געריכ-טען גיבען אַרויס עקסמיסיעס, בעת זיי שטעלען פעסט, אַז דער עקסמיטירטער איז אַנ'עני ואביון.

זיי טוען עס אויפ'ן יסוד פון אַנ'אורטייל פון העכסטען געריכט, ווען עס איז עקסמיטירט געוואָ-רען אַנ'אַרבייטער, וואָס האָט נישט געצאָהלט 25 חדשים קיין דירה-געלד.

די מיינונג פונ'ם העכסטען געריכט איז, אַז דער אויסרייד פון מאַנגעל אין אַרבייט און אוי-סערגעוועהנליכער אָרימקייט קען נאָר גענומען ווע-רען אין בעטראַכט, ווען דאָס איז אַנ'איבערגאַנגס-זאַך, און נישט אַ שטאַבילע דערשיינונג, וואָס זאָל פאַלען מיט דער גאַנצער לאַסט אויף די הויז-ווירטען.

סעזאָן-אַרבייטער שטרייקען ווייטער

נישט געקומען צו אַ הסכם אינ'ם מאַגיסטראַט

(2) ווי בעקאַנט, איז אויף נעכטען אין דער-פריה צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ אין מאַגיסטראַט וועגען דעם ענין סעזאָן-אַרבייטער.

די דעלעגאַציע פון די סעזאָן-אַרבייטער און פון די פעראיינס-פאָרשטייער האָט אויפגענומען דער וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי.

די דאָזיגע קאָנפערענץ האָט אָבער צו קיין רעזולטאַט נישט געבראַכט, ווייל די אַרבייטער-פאָרשטייער האָבען גע'טענה'ט, אַז 3 טעג אַרבייט אין דער וואָך, ביי די מינימאַלע לוינען, זענען פאַר די אַרבייטער אַ מורא'דיגער דלות, און ראַ-פאַלסקי ווידער, האָט געגעבען צו פאַרשטיין, אַז די שטאָט-קאַסע איז נישט ביכולת א. א. וו. א. וו. און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט דעמועל-בען, וואָס מען איז געקומען.

5 אָוועגד איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די שטרייקענדע אַרבייטער אויף פאָדלעשנע 26.

נאָך די רעפעראַטען און דיסקוסיעס איז בעשלאָסען געוואָרען:

צו פאָרטזעצען ווייטער דעם שטרייק.

היינט בייטאָג וועט ווידער אָפּגעהאַלטען ווערען אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די אַרבייטער אין „ענגלישען זאַל", וועלכע וועט דעצידירען דעם ווייטערדיגען גורל פונ'ם שטרייק.

אינדערפריה וועלען די פאָרשטייער פון די צווישענפעראיינס-קאָמיסיעס אַוועקגיין אין אַלע שטאָטישע פאַבריקען, כדי צו דערוויטערען די נאָך ביז-איצט בעשעפטיגטע אַרבייטער.

דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אַז דער קאַרטעל פון ז. ז. פ. נעהמט נישט קיין אַנטייל אין דער שטרייק-אַקציע.

פּאָליטישע אַרעסטען

(2) אַלס בעשולדיגטע אין פיהרען אַ קאָמו-ניסטישע טעטיגקייט, זענען אַרעסטירט און אַריינ-געזעצט געוואָרען אין טורמע: רפאל צימערמאַן (פון זאַכאָדניאַ 65) און באָלעסלאַוו דרוקער.

ענדע שול-יאָהר

(א) דער שול-יאָהר אין די נידריגע קלאַסען פון די פאָלקס-שולען ווערט פערענדיגט שבת דעם 26-טען ד. ח.

דער ענין צוואַנגס-קאַנאַליזאַציע

(2) ווי בעקאַנט איז אויף איינער פון די לעצטע קאָנפערענצען אין דער וואָיעוואָדזשטווע אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס, אַז אַלע הויז-בעזיצער מוזען קאַנאַליזירען זייערע הויפען אין משך פון 2 יאָהר.

אין שייכות דערמיט האָבען די צוויי היגע הויז-בעזיצער-פעראיינען אַרויסגעשיקט אויפפאָדע-רונגען צו אַלע זייערע מיטגלידער, אַז די הויפען זאָלען וואָס שנעלער קאַנאַליזירט ווערען לטובת דער שטאָט, און ווי אויך, כדי אויסצומיידען עקזעקוציע-שריט.

געפונען קאָנטראַבאַנדע

אַ היבש ביסעל געשמוגעלטע זיידענע זאַכען

(2) פונקציאָנערען פון דער גרעניץ-פאָליציי האָבען נעכטען געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אַ געווי-סער פרוי אַגלאַיאַ כראַפאַט (אויף בערעק-יאָסעלע-וויטש-גאַס 20) און אין רעוולפאַט, געפונען ביי איהר אַ גרויסען טראַנספּאָרט געשמוגעלטע זיידענע זאַכען אין דער ווערט פון איבער 10 טויזענד זל.

די זאַכען זענען קאָנפיסקירט געוואָרען.

דער שולדיגער אין שמוגעל דראָהט אַ שטראָף פון בעצאָהלען 27 טויזענד זל.

קויפט ביי אונזערע אַנאָנסען-געבער

געהיימנישפולע פערשווערונג אויף אַ צוג

(2) אויף דער ליניע הערבי-זדונסקאַ-וואָליע איז נעכטען אַ פּאַסאַזשיר-צוג אַרויף אויף אַ וואַגאָנעלע מיט זאַמד און איז אַראָפּ פון די שינעס.

דער לאָקאָמאָטיוו איז שטאַרק צושעדיגט געוואָרען.

קיין קרבנות אין מענשען איז נישט געוועזען.

די פּאָליציי-מאַכט בעמיהט זיך צו דערגיין, ווער ס'האָט אָפּגעטון די זאַך.

„אויסגעבילדעט" אין אַמעריקאַ,

האָט ער זיין טעטיגקייט אַריבערגעטראָגען קיין פּוילען

(2) נעכטען האָבען מיר איבערגעגעבען טעלע-פאָניש פון קאַליש אַז דאָרט און אין דער סביבה זענען אַדורכגעפיהרט געוואָרען שטרענגע אָבלאַוועס און אַז אין רעוואָלטאַט זענען אויף דער גאַס אַגראַדי 4 אַרעסטירט געוואָרען 3 געפעהרליכע באַנדיטען וועלכע האָבען דורכגעפיהרט אַ רייה בלוטיגע רויב אָנפאַלען, און צ.א. מיט עטליכע טעג צוריק דער הרגעט דעם גרעניץ-וועכטער גראַבאָווסקי.

ווי געזאָגט, זענען דערווייל אַרעסטירט געוואָ-רען בסך הכל, 3 באַנדיטען, וואָס זיי זענען עס געוועזען די אָנפיהרענדע כוחות פון דער באַנדע, און זייערע נעמען זענען: יוזעף פאַכאַלעק (אָדער פּאַ-כאַלטשיק,) וולאַדיסלאַוו דענס און יוזעף מיצ-קיעוויטש.

עס ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז דער פאַכאַלעק איז געווען אַ גאַנצער אויפטוער אין די אַמעריקאַ-נער באַנדיטען-ספערען, אַ גאַנצער „כל ילך" און אַז אַזוי ווי אַ סך פון זיינע חברים זענען אַריבער-טראַנספּאָרטירט געוואָרען אויף יענער וועלט מיט דער הילף פון עלעקטרישען שטול, האָט ער זיך אַ-ליין צוגעאיילט צוריקצוקומען אין זיין פאָטערלאַנד און אַריבערפיהרען זיין גענייטע באַנדיטען-טעטיג-קייט קיין פּוילען.

אַזוי אַרום האָט ער אָרגאַניזירט זיין געפעהרלי-כע באַנדע, וואָס האָט דער עיקר אָפּערירט אין קאַ-לישער, וולויבער, שעראַדזער און ראַדאָמסקער קרייז. און די „געשעפטען" זענען געגאַנגען גאָר בישקשהדיג, — ווי פאַר דער איצטיגער געפעהר-ליכער קריזיס-צייט, ביז ער איז נעכטען מיט זיינע צוויי נאָהענטסטע חברים אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער פּאָליציי.

די פּאָליציי אָבער רוהט נישט און זוכט ווייטער.

DR. MED. J. ŁUBICZ

כירורג-אָרטאָפּעד

פּאָלודניאָוואַ 9, טעל. 183-17

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער

איינענע פּראַצאַווניע פון זעטפליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען ווי: הקלאָרדעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גאַרטעלען א. אַ. וו.

נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

בעפאָר איהר פאָהרט אויף ערהאָלונג

קויפט אין די

קאָסמעטיק

נור אין דער איבעראַל-בעוואוסטער

קאָנקורענץ-פּערפומעריע פון

J. Drukier, 5 ZAWADZKA 5 tel. 175-92

וואָס בעזיצט ספּעציעל צום זומער-סעזאָן די נייעסטע פּערפומען, פּודערן, טואַלעט-זייפען ווי אויך אַלערליי בלומען-וואַסערן צו פּערקלענערטע פּרייזען

בעמערקונג: פאַר ענגראָסיסטען בעדייטענדער ראַבאַט. בעזוכט מיין פּערפומעריע און איהר וועט זיך איבערצייגען.

אַכטונג! פּרעפּאַראַטען „HERBA" שטענדיג אויף לאַגער.

טעאַטער „סקאַלאַ“
שרודמיעסקאַ 17.

פרייטאג, דעם 24-טען ד. ח.
פייערליכע ערעפנונג פון זומער-סעזאָן

אויפטריט פון דער וועלט-בערימטער קינסטלערין, שטערן פון ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער

בערטאַ גערסטען

מיט אַנ'ערשטקלאסיגען וואַרשעווער און ווילנער אַנסאַמבל.
עס באטייליגט זיך אויך די באַליבטע אַרטיסטין
קלאַראַ סעגאַלאָוויטש
קינסטלערישע לייטונג: מאַרק אָרנשטיין.
— פרטים איז די ווייטערדיגע אַנאָנסען. —

טעאַטער „סקאַלאַ“
שרודמיעסקאַ 17.

אונטערשטיצונגען פאַר אַרבייטסלאָזע

דער אונטערשטיצונגס-אַמט ביים מאַגיסטראַט איז מודיע, אַז די דרינגענדע אונטערשטיצונגען פאַר אַרבייטסלאָזע פאַר'ן חודש אַפּריל, הויבט מען אָן אויסצוצאָהלען דאָנערשטאָג, דעם 23-טען יוני. לויט פאָלגענדען סדר:

דאָנערשטאָג, דעם 23. יוני:
A B C D E F G H I J

פרייטאָג, דעם 24. יוני:
K L Ł M N O P

שבת, דעם 25. יוני:
R S T U W Z Ż

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) ק. ליינוועבער (פרייהייטס-פּלאַץ 2), י. האַרטמאַן (מלינאַרסקאַ 1), ה. דאַנילעצקי (פּעטריקאָווער 127), א. פּערעלמאַן (ציגעל-גאַס 12) י. צימער (וואָלטשאַנסקאַ 37), פּ. וואַיטשיצקי (נאַפּיורקאָווסקיעגאָ 37).

מאַטורעס

אין פרויען - גימנאַזיום פון ע. יאַשונסקאַ-זעליגמאַן האָבען בעקומען מאַטורעס פאָלגענדע אַביטוריענטקעס:

ברוין רבקה, באָרענשטיין חיה, דאַבושינסקאַ בלומאַ, ערליך פרימעט גיטעל, גאָלדבערג אסתּר, גראָסבערג מאַשאַ, פלאַם אננאַ, קערשענבוים זלאַטע ראשא, קוטאַס צירעל, ליפשיץ חנה-רייזעל, לוקסענבערג מלכה, פּריזאַנט לאה, ריינשטיין ביילע-פריידעל, שמיר רחל, ווילק רבקה ציפּרה, ווינאָגראַד טויבע, וועקסעלמאַן קאַראַלאַ, ווייס רעלאַ.

צוזאַמענשטויס פון 2 אויטאָס

(2) אויף רוג פּאָדלעשנאַ און גדאַנסקאַ האָבען זיך נעכטען צוזאַמענגעשטויסען 2 טאַקסאָבוסען.

בעת מעשה איז צוגעדריקט געוואָרען א דורכגייער — אַנטאַני בוגייסקי, וועלכען פּאָגאָטאָוויע האָט ערטיילט ערשטע הילף און אָפּגעפירט אַהיים.

דעם שאָפער יוסף הירש איז צוגויפגעשטעלט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען, מענער - שוואַכע, אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8—2 און פון 5—6 אָוונד.
בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען.

פערענדיגט דער נישט-געראַטענער טעקסטיל-שטרייק

(2) מיט דעם, וואָס נעכטען זענען צוגעטרעטען צו דער אַרבייט די אַרבייטער פון דער איינציגער שטרייקענדער פאַבריק פון „י. ריכטער“, איז פּאַקטיש פערענדיגט געוואָרען דער נישט-צושטאַנד-געקומענער אַלגעמיינער טעקסטיל-שטרייק, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אויפ'ן 16-טען ה. ח.

פערשפּאָרען צו קלעטערן אויף שטאַקן

וועלען שוין אינגיכען די פּאָסט-טרעגער

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די לאָדזער פּאָסט-אַמט 1 (פּשעיאַזד 38) אַרויסגעבען אין די נאָהענטסטע טעג אַ צירקולאַר צו אַלע הויז-ווירטען, אַז זיי זאָלען אויפהענגען ענטשפּרעכענדע קעסטלעך אין די טויערען, וואו די פּאָסט-טרעגער וועלען אַריינלייגען די אָנגעקומענע בריף פאַר די אַדרעסאַטען.

אַזוי-אַרום וועלען די פּאָסט-טרעגער ענדליך פּטור ווערען פון דער שרעקליך-שווערער אַרבייט פון אַרומקריכען אויף פערשידענע טרעפּען הונדערטער מאָל אין טאָג.

טל ומטר פון אויבען...

דווקא פון די בעבלומטע באַלקאָנען אויף אונזערע קעפּ

(2) אַ נשמה פון אַ לאָדזער איז נישט קיין ראָזשינקע, און די לאָדזער, וואָס פערמאָגען אין זייערע דירות באַלקאָנען, האָבען אויך אָפט גערן צו פערוואַנדלען די דאָזיגע באַלקאָנען אין שטיקלעך „גן-עדנ'ס“, אָדער גלאַט אַזוי פּרדסים'לעך...

פערשטייט זיך, אַז קיין ווייַנשטאָק'ן פּאָמעראַנצען, אָדער צעדער-בוימער פּלאַנצען זיי דאָרט נישט איין, נאָר בלויז קליינע בלימעלעך.

איז עס טאַקי גאַנץ שיין און פיין, וואָס מ'קומט צוהילף דער נאַטור, אָבער — דאָס בעשפּריצען די „נאַטור“, געוואַלד, דאָס בעשפּריצען..

האַלטען די פּאָליציאַנטען אין איין צונויפשטעלען פּראָטאָקאָלען געגען די אָפּטע קינסטליכע „טל ומטר'ס“ און אַנדערע שפּריי-רעגענס, מיט וועלכע עס ווערען בעפייכט און בעגאָסען די אומשולדיגע גאַסען-גייער...

פונקט געטראָפען

אַנשטאַט אין אַ פייגעלע, אין אַ פוס פון אַ יוד. יונגעמאַן...

(2) דער 15-יעהריגער זיגמונט קאָסטושעלאַק (פון רודאַ-פּאַביאַניץ) האָט גענומען זיין פּלאָווער-ביקס און איז אַרויס אויף „פּאָלוואַניע“.

זיין כוונה איז געווען צו שיסען וואָראָבלעס, און ווען ער האָט אַזוי אָנגעצילעוועט די ביקס און אויסגעשאָסען אין אַ שפּרינגענדיג פייגעלע, האָט ער, פונקט געטראָפען אין דעם דורכגעהענדען יאַסעל זייבערט (פון זשעראָמסקעגאָ 12, אין רודאַ-פּאַביאַניץ).

דער פּלאָווער ביים געשיקטען שיסער האָט מען קאָנפיסקירט און דעם פערוואונדעטען יודישען יונגעמאַן האָט מען אָפּגעפיהרט אויף קוראַציע אַהיים.

PRYWATNE POGOTOWIE LEKARSKIE
TEL. 12-333. ZIELONA № 6.
Szybka pomoc lekarska.—Przewóz chorych.

ביי פערהאַלטענעם שמוהלגאַנג און איבערפליטיגער מאַגען-ווירעם

לייטעט אָב דאָס נאַטירליכע ביטערוואַסער

Franciszka Józefa

די אין מאַגען אָנגעזאַמעלטע איבערבליבענעס פון פערדאַוונג אָן פערהויט אין א סך פאַלען פון דער ענטשטעהונג פון בלינד-דאַרם-ענטציגדונג, — צו בעקומען אין אַלע אַפּטעקען און מקלער-אַפּטעקשגעם.

אַ געפעהרליכער אוצר

אין אַ קעמערל אויף די טרעפּען

(2) דער סטרוזש פון ראַדוואַנסקאַ 4 האָט געפונען אין איינער פון די קעמערלעך אויף די טרעפּען 2 דריי-צאָליגע אַרטילעריע-קוילען.

דאָס זענען געווען אויסגעשאָסענע האַרמאַטען-קוילען, וועלכע האָבען אָבער נישט אויפגעריסען.

די פּאָליציי האָט אַרויסגערופען פּיראָטעכניקער פון ד. אָ. ק. וועלכע האָבען די קוילען צוגענומען, און איצט ווערט געפיהרט אַנ'אויספאָרשונג: ווער און ווי-אַזוי?

די תּבואה-בערזע אין לאָדז

(אג) די לאָדזער האַנדעלס-אינדוסטריע-קאַמער האָט בעקומען אַ ידיעה, אַז דער סטאַטוט פון דער תבואות- און סחורות-בערזע אין לאָדז איז שוין בעשטעטיגט געוואָרען דורכ'ן מיניסטעריום, און די אָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע וועט איהם שוין די טעג בעקומען.

מ'קאָן, אַלזאָ, רעכענען, אַז די בערזע וועט גאָר בקרוב אָנהויבען איהר טעטיגקייט.

קויפט ביי אונזערע אַנאָנסען-געבער

די נײַע פערוואַלטונג פון פּאַבריקאַנטען-פעראיין

(אג) אין דער נייער פערוואַלטונג פון פּאַבריקאַנטען-פעראיין, וואָס איז געוועהלט געוואָרען דעם 19-טען ד. ח. זענען אַריין: אַבראַמסאָן, ר. ביבערגאַל, פּאַרמאַ, ב. גליקסמאַן, י. ראָזען, ל. סקורניק, ה. ליפשיץ, ה. וואַלטע, ל. כוואַט, נ. וועגמייסטער, י. רינגאַרט, און אַלס פערטרעטער: י. בירגער, וו. פרענקעל, נ. פייוולאָוויטש, י. לאַנדאַ, ע. קראַטש, ווייגבערגער און באָיאַרסקי. אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע זענען אַריין: גאָוואָרטין, קאַגאַן, מ. אָלשער, מאַקרסקי און ציפּיס.

(48

ר. איזראַעל

דאָס בופעט-מיידעל

אַ סענסאַציאָנעל-עראָטישער ראָמאַן פון דער לאָדזער ווירקליכקייט

— ניין, פּאַניע נאַטשעלניקו, אַזוי געהט עס נישט, איהר קענט דאָך אונזער איינע. מיר מוזען בעקומען בעצאָהלט פאָראויס.

— איך האָב דאָך נאָך עפּעס צו בעפעהלען אויך, האָט דער נאַטשאַלניק געשריגען רויט פאַר ליידענשאַפטליכער אויפרעגונג.

— דאָ נישט, פּאַניע נאַטשעלניקו, ביים בעט אין אייער פּריוואַט-צימער האָב איך צו בעפעהלען. אין דער קאַנצעלאַריע, וועל איך זיין געהאָרכזאַם ווי אַ קינד.

— אַלזאָ, וואָס פערלאַנגסט דו, טייוועל איינער, האָט דער נאַטשאַלניק ווייטער געשריגען.

— אַ קלייניגקייט. איך וויל זיך צוזעהן מיט בעריש „מויד“, וועלכער געפינט זיך אויך אין אייער רשות. דאָס קען מען נישט, צו דעם האָב איך נישט קיין רעכט. איך וועל דאָס נישט טוהן.

— וועלען מיר נישט מאַכען קיין געשעפט, איך האָב דאָך אייך גאַרנישט פּראָפּאָנירט, נאָר איהר מיר.

מאַנקע האָט זיך מיט דעם אויפגערעגטען נאַטשאַלניק געריצט, ווי מיט אַ קליין קינד. ער איז צוגעלאָפען צו איהר, זי פּעסט אַרומגענומען, געביסען זי אין האַלז, געריסען פאַר די האָר. אַראָפּגעריסען די אויבער-מלבושים און אין צימער איז ענטשטאַנען אַ שטילער געראַנגעל. מאַנקע האָט נישט געוואָלט שרייען, נישט רופען באַך הילף, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז סוף-כל-סוף וועט זי איהם מנצח זיין. אַזוי איז ווירקליך געווען. ווען דער נאַטשאַלניק האָט געזעהען, אַז ער וועט זיך מיט דעם מיידעל נישט קיין עצה געבען, איז ער געבליבען שטעהען אַ מידער און בלאַסער.

— בלייב דאָ אין צימער, דו טייוועל. און איך וועל דיר דיין פריינד דאָ אַהערשיקען, זאָלסט אָבער געדענקען, אַז דו קענסט מיט איהם רעדען, נאָר אין פערלויף פון 10 מינוטען, און דאַן....

מאַנקע האָט זיך גלייך געמאַכט די האָר און די מלבושים און האָט נאָר געשמייכעלט.

— איך וועל האַלטען וואָרט, האָט זי געזאָגט מיט אַ שעלמישען און קאָקעטישען בליק.

דער נאַטשאַלניק איז אַרויס און פערקלאַפּט הינטער זיך די טיר. עטליכע מינוטען איז מאַנקע געבליבען אַליין און האָט זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען איבער דעם צימער. זי האָט איצט אַליין נישט געוואוסט, נאָך, וואָס זי דאַרף זיך זעהען מיט בערישען און וועגען וואָס וועט זי מיט איהם רעדען. דאָס איינציגע, וואָס איז איהר געבליבען איז געווען דאָס, אַז זי זאָל ביי איהם פרעגען אַנ'עצה, ווי האָט נאָך נישט בעוויזען זיך געגנוי צו אָריענטירען, ווי די טיר האָט זיך געעפענט און ס'איז אַריינגעקומען בעריש, אַ שטאַרק פערוואונדעטער און מיט אַ פראַגע-צייכען אין די אויגען.

— וואָס איז געשעהען, אין זייער טאַטען אַריין, האָט בעריש געזאָגט:

— בייזער זיך נישט בעריש, איך האָב געבעטען, אַז זיי זאָלען דיר ערלויבען זיך צו זעהען מיט מיר.

— און זיי זענען געווען אַזעלכע גוטע און האָבען דיר דאָס ערלויבט.

— דאָס נישט, ס'איז געווען אַביסעלע אַנדערש. מאַנקע האָט גענוי דערצעהלט בערישען, ווי אַזוי זייער בעגעגעניש איז צושטאַנד געקומען.

— און וואָס האָבען מיר דען אייגענטליך צו רעדען, אַז איך ווייס אַזויפיל ווי פיל דו, און דו אַזויפיל וויפיל איך, פאַרוואָס מען האָט אונז אַרעסטירט.

— אָבער דו ביזט דאָך קלוג פאַר מיר, דו דאַרפסט דאָך פערשטעהען, ווער ס'האָט דאָס שטיקעל געמאַכט.

— די אייגענע פערשוינען, וועלכע האָבען פערשיט פראַנקענשטיינען, נישט קיין אַנדערע און בכלל איז מיט דער מעשה פראַנקענשטיין נאָך נישט אַלץ אין אָרדנונג. מיין האַרץ איז עפּעס אַזוי פול מיט צער און יסורים, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפיהלט, איך בין דאָך אַ פּראָסטער גנב, אָבער דאָס לעבען האָב איך דאָך קיין מענשען נישט צוגענומען. איך האָב דאָך פון מיינע גנבות מעהר אַוועקגעשאַנקען אָרימעלייט, ווי אַליין פאַר זיך גענומען. מיין האַרץ איז אָבער שטענדיג געווען פערשטיינערט און קיין רחמנות האָב איך צו קיינעם נישט געפיהלט. זייט אָבער די געשיכטע מיט פראַנקענשטיינען בין איך אַ גאָר אַנדערער מענש געוואָרען. איך האָב צום ביישפּיל געזעהען אַנ'אַרעסטאַנט אויפ'ן פירטען שטאָק, אַנ'איינזאַמען, אַ האַלב-משוגענעם, וועלכער האָט געוואָלט מיט מיר עפּעס רעדען און נישט געקענט. אַנ'אַנדערש מאָל וואָלט איך גלייך פערגעסען וועגען דעם, אָבער דאָסמאָל האָב איך מיך שיער נישט צעוויינט און האָב ביז היינט נישט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם.

— און וואָס נאָך? ווען איך טראַכט וועגען דעם דאָזיגען איינזאַמען אַרעסטאַנט, שטעלט זיך מיר פאַר דער דאָזיגער פראַנקענשטיין. אַ שאַד, וואָס איך האָב איהם אינגאַנצען נישט געקענט, אָבער דו מאַנקע ביזט דאָך געווען אויף זיין פּראָצעס, דו דאַרפסט דאָך וויסען, ווי ער זעהט אויס. שילדער מיר גענוי זיין אויסזעהען, איך וועל דאָך משוגע ווערען צוליב דעם טראַכטען וועגען איהם און וועגען דער גאַנצער געשיכטע, זאָג מיר מאַנקע, ווי האָט ער אויסגעזעהען?

— וואָס פעהלט דיר איין, בעריש, איך הויב אָן מורא צו בעקומען פאַר דיר, דו רעדסט פון היץ.

— ניין, איך בין נישט קראַנק און רעד נישט פון היץ, איך בין ביים קלאָרען זינען און איך וויל וויסען ווי פראַנקענשטיין האָט אויסגעזעהען.

מיט אַ געוויסער מורא האָט מאַנקע מיט אַ ציטערדיגער שטים אָנגעהויבען צו שילדערען, אויף וויפיל ס'איז איהר מעגליך געווען, ווי אַזוי פראַנקענשטיין האָט אויסגעזעהען, זיינע אויגען, זיינע האָר, דיין פּנים, זיין וואוקס א. אַז. וו. וואָס ווייטער בעריש האָט געהערט, אַלץ מעהר האָט ער זיך אָפּגערוקט פון מאַנקען, ער האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

(פאָרטזעצונג קומט).

משה לארד... שפרינגער

געהט איצט זיצען, אבער נישט אין לארדעס-הויז

(2) פייגע העלמאן (פון פילסודסקיעגא 64) איז מיט איהר משפחה ארויסגעפאהרען אויף דאטשע און קיינעם אין שטוב נישט איבערגעלאזט.

האט עס גנבים פערדראסען: ס'טייטש מען לאזט א דירה אויף הפקר? מען לאזט קיינעם נישט איבער?

זענען אזעלכע 2 גנבים אוועק אין דער דירה און אנגעהויבען צו טון זייער טאוונג, דאס הייסט צו פאקען אין זעק דאס אלץ, וואס עס האט זיך נאר געלאזט...

און געלאזט האט זיך פאקען גאר א סך, און דווקא אהן ווידערשטאנד, ווי איינער זאגט: ביטע, בצהמטס...

מעשה-שטן איז אבער פלוצים אנגעקומען אין דער דירה דער באלעבאסטעס עלטערער זוהן, דער 21-יאהריגער פעליקס.

דער בחור האט דערזעהן, וואס עס טוט זיך האט ער נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות, נאר געמאכט א גוואלד...

דערהערט דעם גוואלד, האט איינער פון די גנבים, און נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות, און דערלאנגט איהם א זעץ צווישען די אויגען.

פעליקס האט זיך אבער פון דעם שטארקען מתנות יד נישט איבערגענומען שטארק און זיך געלאזט לויפען נאך די גנבים ביז, מיט דער הילף פון מענשען, איינער פון זיי איז געכאפט געווארען.

דער דאזיגער איינער איז גאר א וואוסנער און גוט-בעקאנטער גנב, וואס איז „פערזענליך" גוט בעקאנט דער פאליציי — א מענש אזויצואגען, מיט א נאמען, ושמו—און זיין הייליגער נאמען איז משה לארד.

א כברא, אז דער משה לארד „שפרינגער" (פון קילינסקיעגא 87) איז נישט קיין קרוב פון דעם לארד רידינג, הגם ער איז אויך א.. יוד.

* * *

ביי א געוויסען זיגמונד ראזמארין פון דער וואוינונג (גאפיורקאווסקיעגא 161) האט מען ארויס-געגנב'עט פערשידענע מלבושים און חפצים אויף דעם ווערט פון אנ'ערך 1,400 זל.

פון דער „יודישער טעאטער-סטודיע" ביי „הזמיר"

נאכ'ן פערענדיגען דעם טעאטער-סעזאן, טרעט ווידער צו די „יודישע טעאטער-סטודיע" אין „הזמיר" צו אנ'אינטענסיווער טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון אויסבילדען פרישע כוחות פאר'ן יודישען טעאטער. עס ווערען פאראויסגעזעהען אויף דער נאהענטסטער צייט א גאנצע רייה לעקציעס וועגען טעאטער, ליטעראטור, מוזיק א. א. וו.

גלייכצייטיג ווערט צום נייעם ארבייטס יאהר אנגענומען פרישע קאנדידאטען, וועלכע מוזען אבער בעזיצען עלעמענטארע בילדונג, בעקאנט זיין מיט דער יודישער ליטעראטור און שפראך. איינשרייבונגען נעמט אן דער סעקרעטאריאט פון דער סטודיע.

ראדיא-פראגראם

דינסטאג, דעם 21 יוני

11,58 צייט-סיגנאל. 12,10 טעגליכע פרעסע-איבערזיכט. 12,40 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 12,45 גראמאפאן-פליטען. 3,40 גראמאפאן-פליטען. 4,40 ספארט-רעפעראט. 5,00 פאפולערער סימפאנישער קאנצערט. 6,00 רעפעראט. 6,20 לייכטע מוזיק. 7,15 פערשידענעס. 7,35 ראדיא-פרעסע. 7,45 קאמוניקאט פון דער האנדעלס-קאמער, פילם-קאלענדאר, טעאטער-רעפערטואר. 8,00 אווענט-קאנצערט פון דער ווארשאווער „פילהארמאניע". 9,50 ראדיא-פרעסע און מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. בעת דער פויזע פון 8,55 ביז 9,10 ליטעראַרישער פעליעטאן. 10,00 טאנץ-מוזיק. 10,40 ספארט-ידיעות. 10,50 טאנץ-מוזיק.

פאריזער צוקערלעך
MIKI 20 גר.

פאר קינדער
JAN WRÓBLEWSKI

זיך ארויסגעווארפען פון פענסטער

(2) נעכטען האט זיך ארויסגעווארפען פון טרעפען-פענסטער פון ערשטען שטאק די 23 יעהריגע עווא אדאמיאק (28 פולק קאניאווער שיסער 33/35).

ס'איז צו איהר ארויסגערופען געווארען פאגאטאוויע, וועלכע האט קאנסטאטירט, אז ביי איהר איז צובראכען דער לינקער פוס.

די סיבה פון זעלבסטמארד-פרוב איז אומבעקאנט.

היינט און פאלג. טעג!
דער קעניג פון הומאר — דער אונפערגעסליכער ק י י ז ע ר ל י ך - קעניגליכער פעלדמארשאלעק
Vlasta BURIAN
ווילט און ענטציקט אין זיין בעסטען פילם-מייסטערווערק א.נ.:
POD KURATELĄ
רעזשי פון בעקאנטען
Karol LAMAC
אויסער'ן פראגראם: קלאנג-צוגאבע
אנהייב אין געוועהנל. טעג 5 א זייגער נאכמ., שבת און זונטאג — 2.30 בייטאג. הנחה-בילעטען גילטיג אהן בעגרענצונגען. דער זאל איז ווענטילירט און געקיהלט.

נייער פאהר-פלאן אויף די באהנען

וואס האט אנגעהויבען פערפליכטען דעם 22 מאי, 12 ביינאכט

צוגען וואס גייען אפ פון דער לאדזער פאבריקס-באהן קיין קאלושקי

5.25 מיט א פערבינדונג קיין ווארשא און טאמאשעוו.
7.25 מיט א פערבינדונג קיין ווארשא און טאמאשעוו און פראג.
8.35 (זונטאג און חגאות פון 25-טען מאי ביז'ן 11. סעפטעמבער).
9.35 (זונטאג און חגאות פון 25-טען מאי ביז'ן 11. סעפטעמבער).
10.45 מיט פערבינדונג אויף ווארשא.
13.05 פערבינדונג אויף ווארשא און טאמאשעוו.
14.00 פערבינדונג אויף ווארשא און טאמאשעוו.
14.50 קיין סקאזשיסק איבער גאלקובעק, סלאטווין.
15.40 פערבינדונג אויף ווארשא און טאמאשעוו.
16.20 פערבינדונג אויף ווארשא און טאמאשעוו.
16.55 פערבינדונג אויף ווארשא און קאטאוויץ.
18.00 פערבינדונג אויף ווארשא און קראקא.
19.20 דירעקטער צוג קיין ווארשא.
19.45 פערבינדונג אויף ראזוואדאוו און לעמבערג.
20.30 נאר אין ארבייטס-טעג.
21.15 פערבינדונג אויף ווארשא.
22.30 דירעקטע וואגאנעס קיין קריניץ.
0.48 פערבינדונג פון טאמאשעוו און ווארשא.

צוגען וואס קומען אן אויף דער פאבריקס-באהן פון קאלושקי

5.08 פערבינדונג פון קאטאוויץ.
6.10 נאר אין ארבייטס-טעג.
7.00 פערבינדונג פון קראקא (דירעקטע וואגאנעס פון קריניץ).
7.30 נאר אין ארבייטס-טעג.
7.50 נאר אין ארבייטס-טעג.
8.12 לויט דער נויטיגקייט, פערבינדונג פון קראקא.
9.46 פערבינדונג פון ווארשא, טאמאשעוו, טשענסטאכאוו.
12.45 פערבינדונג פון ווארשא, טאמאשעוו, טשענסטאכאוו, קאטאוויץ.
15.29 פון קאלושקי.
16.00 פון ווארשא דירעקט.
17.15 פערבינדונג פון ווארשא.
20.10 פערבינדונג פון ווארשא, טאמאשעוו, קראקא.
21.25 אין יום-טוב-טעג.
22.00 אין יום-טוב-טעג.
22.35 דירעקט פון סקאזשיסק איבער סלאטווין, גאלגובעק.
23.18 פערבינדונג מיט טאמאשעוו, קאטאוויץ, קראקא.
8.05 געהען אפ קיין אנדזשעיעוו.
8.59 קומען פון אנדזשעיעוו.

צוגען וואס געהען אפ פון קאלישער באהן-הויף

קיין ווארשא 4.32, 7.28, 12.38, 17.54.
קיין גלאוונא 10.15.
קיין לאוויטש 15.35, 20.05.
קיין קראטאשין 2.10 פערבינדונג מיט פויזען.
קיין לאסק (נאר זונטאג און חגאות) 8.30, 13.40.
קיין אסטראוו 9.35 (פערבינדונג מיט בערלין) 15.30, 19.35.
קיין פויזען 12.07, 15.20, 22.00 (פערבינדונג מיט בערלין) 1.25 (איבער קוטנא) 9.00, 13.00, 21.00.
קיין טשענסטאכאוו (דורך זד. וואליע, הערבי) 18.00
קיין קאלושקי 0.53 (פערבינדונג מיט טשארנא-בזשעק, ראזוואדאוו). 8.05 (פערבינדונג קיין טאמאשעוו), 20.06 (דירעקטע וואגאנעס קיין לעמבערג און סקאזשיסק).
קיין דאנציג און גדיניע 1.25, 9.00, 13.00, 15.20, 21.20 (דירעקטער קיין גדיניע).
קיין טשעכאטשינעק 13.00 (דירעקט).
קיין פלאצק 21.20.
קיין קוטנא 1.25, 9.00, 13.00, 15.20, 21.20.

צוגען וואס קומען אן אויפ'ן קאלישער באהן-הויף

פון קוטנא 5.00, 7.55, 12.35, 19.58, 22.58
פון גדיניע און דאנציג 5.00, 7.55 (דירעקט), 19.58
פון בידגאשטש 5.00, 7.55, 12.35, 19.58, 22.50
פון ווארשא 9.25, 11.53, 21.40, 1.57
פון לאוויטש 7.25, 19.05.
פון גלאוונא 7.25, 11.53, 14.[illegible], 19.05, 21.48, 1.57
פון פויזען 4.20, 7.18, 12.24, 19.40, 0.45.
פון בערלין 7.18, 19.40,
פון קראקא און קאטאוויץ 4.13, 18.40.
פון לעמבערג דורך סקאזשיסק דירעקט 8.52.
פון טשענסטאכאוו דורך זדונסקא וואליע 19.12.

פון יודישען טעאטער אין פילהארמאניע

די טעג טרעטען אויף אין לאדזער פילהארמאניע די בעליבטע ארטיסטען מאקס באזשיק און פרוי און מ. הילסבערג — זיי קומען איצט פון לאנדאנער פאוויליאן-טעאטער.

פון יודישען טעאטער אין „סקאלא"

בערטא גערסטען הויבט אן איהרע גאסט-שפילען אין לאדזער „סקאלא"-טעאטער..

בערטא גערסטען קומט איצט פון א טורנע איבער פויזען, לעטלאנד, עסטלאנד.

צוזאמען מיט בערטא גערסטען טרעט אויף א גוטער ארטיסטישער אנסאמבל.

פון „בר כוכבא"

היינט אין אווענט קומט פאר די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „בר כוכבא"

גרויסע גארטען-פערוויילונג אין „לאנגובעק"

די גרויסע גארטען-פערוויילונג, וואס קומט פאר שבת דעם 25. ד. ח. אין „לאנגובעק", וועט טראגען א פערשידענארטיגען ארטיסטישען פראגראם. ס'וועלען שפילען צוויי ארקעסטער, א ספעציעלע עסטראדע אויף טענץ, א רייכער פאנטען-לאטעריע און ביליגער בופעט.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמ.
ב ע ז ו נ ד ע ר ע ר ווארטע-זאל פאר פרויען

יודען, מאכט צו די „גלאשניקעס"!..

א ווייגעשריי פון א געליטענעם

(כמעט פעליעטאניסטיש)

א יוד אין רעדאקציע, א צוטראגענער. א צוקאכטער. ציטערט פון אויפרעגונג, זוכט מיט די אויגען אין אלע זייטען.

— דא איז דער „נייער פאלקסבלאט"? — פרעגט ער דעם ערשטען, וואס קומט איהם אונטער דער האנד.

— וואס פערלאנגט איהר. ר' יוד? — פרעגט מען איהם.

— גיט מיר דעם רעדאקטאר! איך מוז רעדען מיט'ן רעדאקטאר אליין. ס'האנדעלט זיך אין סכנות נפשות.

— סכנות נפשות? — פרעגט איהם דער רעדאקטאר —וואס איז דא געשעהען?

דער יוד מיט א ציטעריגער שטים, בעהמט זיך אראפרעדען פון הארץ, וואס ס'קוועלט איהם:

— איך בעט אייך — זאגט דער יוד, לאזט אויף א ווייל אפ די פאליטיק, מיט לאזאן, מיט'ן דייטש שטעלט אויף א ווייל אפ די מלחמה מיט פאניע און יאפאניע, מאכט א קנייטש מיט הויזנערס פליה... אויף א לודקע, שטעלט די אלע „נארישקייטען" באדהיילעך און בארוועס, ווען די גראטעוועטע אוועק אין א זייט, און הערט בעסער אויס מיין טראגעדיע. א טראגעדיע, וואס וועט מיך יונגערהייט, שונאי ציון, חלילה טרייבען אין דער ערד אריין — אין בעסטען פאל — קיין „קאכאנובקע".

— און וואס בעשטעהט אייער טראגעדיע? — פרעגט דער רעדאקטאר.

— מיין טראגעדיע — האט דער יוד אנגעהויבען דערציילען, בעשטעהט אין דעם, וואס איך האב שכנים.

אי, וואס ארט מיך, שכנים? פון א שכן קען מען דאך אמאל כאפען א גמילת-חסד אויף שבת! אז מ'האט א „לייטישע" שכנטע קאן מען זיך אמאל אראפרעדען פון הארצען...

מיך וואלטען אויך די שכנים טאקע גאר נישט געארט ,ווען זיי וואלטען נישט געהאט... קיין ראדיא'ס!

אי, וואס ארט מיך, אז די שכנים האבען ראדיא'ס? יעדער קען דיך אין דער היים טון, וואס דיין הארץ גלוסט.

איז אבער די צרה, וואס מיינע שכנים שטעלען זייערע „גלאשניקעס" ביי די אפענע פענסטער, און מיט איין מאל 10 „גלאשניקעס" גלייך אין די אויערען אריין. און דאס „גלאשעט" מיר אין די אויערען פון פארטאג ביז שפעט ביינאכט. ווער קען ארייננקוקען אין א ספר? ווער קען רעדען א ווארט? אז ס'הילכט אייך א גאנצען טאג אין די אויערען !...

אויפ'ן ערשטען שטאק גארגעלט פון ערגעץ א הייזעריגע שיקסע ,און מאכט אזעלכע יעלות, ווי מ'וואלט איהר געריסען די ציין, אויפ'ן צווייטען שטאק גרימפעלט אנ'ארקעסטער, און מ'קלאפט צו מיט שטארצען. פון קעגענאיבער האלט מען גאר א „דרשה "וועגען דעם הייזעהריגען גערעטעניש אויף רויטע יאגדעס...

וויל איך ארייננקוקען אין א ספר, הער איך גאר טאנצען א באלעט מיט א דזשעדז, א געקלומפער און געקלאפעריי, קולות און געוואלדען ביז הינטער'ן הימעל.

זעץ איך מיך אוועק עסען, דערציילט מען מיר מעשיות וועגען דער „פאגאדע", וויפיל „בראם קעס" ל.ק.ס. האט „געשאסען" דעם „חכח".

לעג איך מיך צו, און וויל כאפען א דרשים, מאכט זיך א גאנצער יאהרמארק, — די ווארשאווער „פילהארמאניע" האט זיך צעווינגען, הונדערטער שקצים מיט שיקסעס ,מיט פידלען און פלייטען, פויקען און בארבאנען, אז איין גאט זאל שומר ומציל זיין!... ווי איך האלט ביים צו-טון אנ'אויג — בענץ! — א פויק האט א טראמאסק-געטון, בין איך א האלב-טויטער אראפגעשפרינגען פון בעט, און געמאכט א ברכה „שכוחו וגבורתו מלא עולם"— געמיינט אז ס'דונערט!...

אפטמאל טרעפט זיך, צוזאמען די פאגאזשעל-סקא מיט יאסעלע ראזענבלאט'ן, מישט זיך אויס קאשע מיט מילך: פאגאזשעלסקא זינגט „אולאבי, אולאני. כלאפצי מאלאוואני" און יאסעלע ראזענבלאט, להבדיל, זינגט א שטיקעל „רצה".

יאסעלע זינגט אזוי מתיקותדיג, אזוי זיס „אוי, אוי, איי, איי, בעמה ישראל" און די שיקסע פערפאהרט איהם מיט איהרע „אולאני'ס"...

ווער איך דאך אין כעס: וואס הייסט עפעס שטערען יאסעלען דעם רצה! וואס עפעס אין מיטען דעריינען מיט איהרע „אולאנער?" שריי איך צו דער שיקסע: „סשיכא!" „מילטשעטש!" און יענע הערט מיך ווי דעם קאטער — די שרייט און מאכט געוואלדען. וואס מעהר איך שריי ,וואס מעהר איך דענערוויר זיך, אלץ מעהר גארגעלט זי: „אולאני, אולאני, כלאפצי מאלאוואני"...

דעם ערגסטען סוף, האב איך זונטאג. זונטאג אין דער פריה ,ווען איך נעהם דאווענען פון פאר-רעגט, הייבען אלע צעהן „גלאשניקעס" אן דיירעט „נאבאזשענסטוואס" — די „חונים" אין די קיר-כעס מיט די ארגלען ,איך מאך צו די פענסטער, ס'העלפט נישט. וואס העכער איך דאווען, אלץ העכער צעלאזען זיך די „גלאשניקעס" מיט די „נאבאזשענסטוואס", כאטש נעהם און שליס דיך איין אין דער אייזערנער קאסע, אדער אין אייז-קאסטען...!

— איך בעט אייך, פאניע רעדאקטאר — האט דער אומגליקליכער יוד געענדיגט זיין טראגעדיע — האט רחמנות אויף א טאטע פון קינדער, ראטעוועט א יונגען מענש, ער זאל חס חלילה יונגערהייט די ערד נישט קיהלען — שרייבט אנ'ארטיקעל, און די ערשטע ווערטער פון דעם ארטיקעל זאלען זיין —

יודען, מאכט צו די „גלאשניקעס"!...
מיר טוען דעם יוד צוליב און מיר שרייבען:
יודען, מאכט צו די „גלאשניקעס"!...

אב—נעק.

ס'איז געפונען געווארען
א פארטפעל מיט דאקומענטען
אויפ'ן נאמען סאלאמאן זילבער. אבצונעהמען גע-סימנים און אנאנס-קאסטען אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג. 3859

פלעצער צו פערקויפן
ביי א טרוקענעם סאסנאווא וואלד אין דארף גרא-ביניעץ אינטער לאדז, 10 מינוט גאנג פון דער טראמוויי-סטאציע טעאפילאוו. צו דערוויסען זיך אין אדמ. פון „נייעם פאלקסבלאט" פון 3–5 נאכמ. 3889

יעדער איינציגער
האט זיך אי-בערציינגט, אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען אז"וו צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן שענקעוויטש 23
טעלעפאן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

פריוואט-אנאנסען

א קוואליפיצירטע רעפעזירקע קען זיך מעל-דען אין דער סוויטער-פאבריק זאוואדזקא 4, אין קעלער. 3864

ס'ווערט געברויכט א יונגעל אין קאלאגיאל-געשעפט ראזענצווייג, פאמארסקא 6. 3855

עס ווערט געזוכט א ארבייטער אויף פע-דע-מאשין קראפט ביי לענגא, פאלנאצנא 10. 3862

א ריכטעוועך קען זיך מעלדען פון זאפארט ביים קאמאשען-שטעפער. לימאנאווסקיעגא 24, וואוינונג 56. 3861

ס'ווערען געזוכט יונגלעך און ארבייטסלאזע צו פערדינען ביז 5 זלאטעס טעגליך. זיך צו ווענדען אין אייל-און נאפט-געוועלב אלטשטאדט 1. 3866

לאקאלען

4 קעלער-רוימען אויף אונטערקעס אדער פרוכטען מיט וואסער-לייטונג צו פערדינגען קאנ-סטאנטינער 43. צו ערפאהרען נאוואמיעסקא 29 ביי סקאסאווסקי. 3866

א שטוב מיט 2 פענסטער אדער א שטוב מיט א קוך וויל איך פון זאפארט דינגען. געווינשען נישט דריטער שטאק. אפערטען אונטער „וואוינונג"

איינינע אינטעליגענטע יונגעלייט קענען בע-קומען לאזשי ביי אנ'אינטעליגענטער פאמיליע אין א בעזונדער שעהן צימער, עווענטועל אבצוגעבען אויף א פראצאווניע. צו ערפאהרען פאמארסקא 14, פראנט, 2-טער שטאק, וואוינונג 4/5. 3868

מ'זוכט ארבייט

אכטונג, שטריקער-פאבריקאנטען! א קוואלי-פיצירטער שטריקער אויף א 14-ער מאשין זוכט אלערליי ארבייט, עווענטועל ביי יענעם. אפערטען אונטער „שטריקער" אין אדמיג. 3854

קויף און פערקויף

אנ'8-טער שטריק-מאשין, 70 צענטים, בריים, זוך איך צו קויפען. צו ערפאהרען אין אדמ. 3881

פערשידענעס

השבת אבדה. נעכטען האב איך פערלוירן א פארטפעל מיט פערשידענע דאקומענטען, 2 וועקסלען אייגער אויף 40 זל. און איינער אויף 25 זל., א מיליטער-ביכעל אויפ'ן נאמען אברהם פראשאווסקי, ווי אויך א פאס. די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונ-גילטיג. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען בעגען בעלוינג: אבצוגעבענען קאמיענא 9, ביי פראשאווסקי. 3850

די ערשטע יודישע
ראהמען-פאבריק
פון י. צווייליך, לאדז,
גארוטאוויטשא 11, (אין הויף)
עמפפעהלט צו פאבריקס-פרייזען
זעמטליכע איינראהמונגען אין
ראהמען
לייסטען
סטיל
אוואהל
ווי אויך גארדין-ק סטען אין א גרויסען אויסוואהל.

Gimnazjum Żeńskie
Józefa Aba w Łodzi
Zielona 10, tel. 122-12.
איינשרייבונגען פון נייע שילערינס נעהמט אן דער סעקרעטאריאט פון 9 – 13.
די בקואמענס קומען פאר לויט לעקציע-סיסטעם.
DYREKCJA.

ענטשולדיגונג.
דערמיט בעט איך ענטשולדיגונג ביים פרעזעס און ביי דער פערוואלטונג פון פרוכטען-געמיזע-הענדלער-פעראיין, גריגער מארק, פאר מיין נישט-טאקטישע האנדלונג און פערזיכער, אז אזעלכעס וועט מעהר נישט פארקומען. מיט אכטונג
ישראל ארענבאך. 3849

Doktór
Łagunowski
Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.
choróby skórne, weneryczne i moczopłciowe
(Naświetlania promieniami Roentgena)
Przyjmuje od 8^{30} do $9^{1}/_{2}$ rano, od 1-ej do 2^{30} pp. od 6 do 8^{30} w., w niedzielę i święta od 10 r. do 1-ej p. p.

מעדלער
צו פאקען צוקערלעך קענען זיך ווענדען
אגראדאווא 13. 3846

Dr. J. DYNENSON
Kolumna, od 2 pp. 3845

„Praca" וואלטשאנסקא 21
פרויען-פאך-קורסען
ס'ווערען אנגענומען איינשרייבונגען אויפ'ן נייע ערעפענטען קורס פאר
גארטנער-פאך
מיט לעהרע פון צושניידען, אונטער דער לייטונג א דיפלאמירטער אינסטרוקטארקע.
דער סעקרעטאריאט איז עפען פון 9—1 און 4—6 נאכמ.

וויכטיג פאר די, וואס הייראטען
און הילען זיך איינארדנען עלעגאנט און בילינער ווי איבעראל, נוצט אויס די געלעגענהייט און בעזוכט דאס
מעבעל-געשעפט
ח. רעכט נארוטאוויטשא 9, (אין הויף)
וואו ס'ווערט איצט אויספערקויפט פערשידענע מעבעל פון די אנגעפאסטע ביז די פיינסטע, ווי אויך גאנצע קאמפלעטען פון פערש. אידעל-הענצער.
גוטע און בעקוועמע בעדינגונגען!

חדר „תורה ודת"
עם גן-ילדים
פל. וואלנאשטשי (נייע שטאט) 6
מאכט בעקאנט דאס נאך א גרינדליכען רעמאנט ווערט דאס חדר צום נייעם שול-יאהר פולשטענדיג רעארגאניזירט און פערפולקאמט אויף אלע געביטען פון למודי קודש און למודי חול.
איינשרייבונגען פון נייע תלמודים אויפ'ן קומענדיגען שול-יאהר 1932/32 אין אלע מחלקות ווי אויך אין גן-ילדים (פרעבעל-שול) קומען פאר פון כ"ג אייר (29 מאי) פון 9–1 טעגליך.
עלטערן! פערשרייבט אייערע קינדער אין חדר „תורה ודת" ווי ס'ווערט געלייגט גרויס אכט אויף דער ערציהונג און דרך-ארץ'דיגע אויפפיהרונג און ס'ווערט געלערנט דורך מלמדים ספעציאליסטען תורה ודרך ארץ און אלעס, וואס א יודיש קינד דארף צו וויסען!
קינדער פון 4 ביז 8 יאהר ווערען אהיים געפיהרט דורך א ספעציעלען מענש.
צוליב'ן קריזיס הנחה-פרייז.

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פעלט אריין אין דעם פיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל גוטע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכנעט נוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר

דאקטאר בראבירעווינר בעווייזען זיכער דעם שווערסטען און געפעהר-ליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס, לייזונגען מיט הייל-נאקסטען און שפע-ראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאט-פיס, ספעציעלע איינלאגען און די שיך קינסטליכע גוטע פיס און הענד, גוטענע זאכען, פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. עמפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10, tel. 221-77, front, parter.
בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבע-דינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. ד"ר י. מאריש-לער, פראפ. ד"ר בר. קיפלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאס ע.

דאנקזאגונג.
דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם ה' ד"ר. י. ראפא-פארט ספעציאליסט פון הייל-ארטאפעדישען אנשטאלט, וואלטשאנסקא 10, פאר אפראטעווען מיין זוהן אין עלטער פון 7 יאהר, וועלכער איז קראנק געווען אויף א ברוך און אלע לאדוער בירורגען האבען אויפגעגעבען די האפנונג, נור דער דירעקטאר ראפאפארט האט איהם אפגעראטעוועט.
Jankiel Rojtman, Cegielniana 35 lub Kilińskiego 40

קליינע אנאנסען
אין „נייעם פאלקסבלאט"
זענען א נוץ און ביליג מיטעל
צו שטעלן זיך אין פערבינדונג מיט די פעראינטערעסירטע!
ווער עס וויל: 1) געפינען א לאקאטאר אדער א סובלאקאטאר
2) געפינען א וואוינונג אדער אנ'ענצעל צימער
3) געפינען אנ'ארבייטער, אנ'אנגעשטעלטען
4) פערקויפן א הויז אדער א געגענשטאנד
5) קויפען עפעס געלעגענהייטליך
6) בעקומען א פאסטען –
זאל אויפגעבען א קליינע אנאנס אין „נ' פאלקסבלאט"

ווערקשטעל
פון שירמס
און שפאציר-שטעקענס
ס. פייגענבוים,
לאדז, נארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקנס צו קאנקורענץ-פרייזען.
נעמט אן אלערליי רעפאראטורן פון שירמס און שטעקנס

לעטשניצע
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
17 זגיערזשער 17,
טעלעפאן 116-33
ס'נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליטעטע
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק, ד"ר יוסטמאן, ד"ר מ. קאנמאר, ד"ר ציענע, ד"ר ראקאווסקי, ד"ר ראזענצווייג, ד"ר רוזשאנער, ד"ר וויינבערג, ד"ר סטופעל, צאהן-ארצט גראדזיענטשיק-קאראשיאווא
ווי אויך וויזיטען אין שטאט.
רענטגען-בעשטראלונגען, קווארץ, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע און ערצט.יכע צנטליזען.

א לאנגיעהריגער
מיליטער-בעאמטער
שרייבט ערלעדיגט אין אלע מיליטער-זאכען ספעציאליסט אין שרייבען פון ביטעס פאר
איינציגע שפייזערס
מאן
פעטריקאווער 10

„SANATO"
בירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
גינעקאלאגיש-וועכנעריי-אבטיילונג
ד"ר מעד. ש. איינער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד. רייטלער-קוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער
פרייז פון א געבורט
אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאקאוו
כירורגישע אפטיילונגפון ד"ר מעד. מ. סאנשאר.

אבאנעמענטס-פרייז: [illegible] – 5 זל. [illegible] – 8 זל.
[illegible]

אנאנסען-פרייז: [illegible] 40 [illegible] 12 [illegible] 50 [illegible] 100 [illegible] 10 [illegible]

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółka z odpowiedz. udział. [illegible]
Redaktor odpowiedzialny: Ch. [illegible]
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.